## ענטפֿער-שליסל צו **קאַלעדזש־ייִדיש**

נאָך לאַנגע יאָרן גיט איצט דער ייִוואָ אַרויס אַן ענטפֿער-שליסל צו זײַן וועלט באַרימט לערנביכל **קאַלעדזש־ייִדיש** פֿון אוריאל ווײַנרײַך ע״ה. די ענטפֿערס האָבן אָנגעשריבן נעמי פראַווער-קאַדאַר און בינה ווײַנרײַך ע״ה; בײַ אַ פֿריִערדיקער סטאַדיע האָבן צוזאַמענגעאַרבעט סאָניע פינקוסאָוויץ-דראַטווע און חוה לאַפּין. אויסגעקלאַפּט דעם מאַנוסקריפּט האָט שיינדל פֿאָגעלמאַן; רעדאַקטירט האָט גאָשאַ זאַרעמבאַ; צוגעגרייט צום דרוק האָט הערשל גלעזער. ס׳קומט אויך אַ דאַנק די סטודענטן און לערערס וואָס זענען צוגעשטאַנען, דער ייִוואָ זאָל דאָס אויספֿאַרטיקן, ווײַל סײַ אויף די לערערס מיט זייערע סטודענטן, סײַ אויף די וואָס לערנען פֿאַר זיך ווערט געצילעוועט דער ענטפֿער-שליסל.

עטלעכע אָנווײַזן:

1. אויסגעניצט בײַם רעדאַקטירן און צוגרייטן צום דרוק האָבן מיר די 6טע אויפֿלאַגע, צווייטער אָפּדרוק פֿון 2006. אַזוי אַז אַ קלענער טייל ענטפֿערס שטימען נישט מיט די פֿריִערדיקע אויפֿלאַגעס.
2. בדרך-כּלל ווערט אָנגעגעבן בלויז איין ענטפֿער אויף יעדער פֿראַגע, טייל מאָל צוויי; נאָר דער באַניצער דאַרף פֿאַרשטיין, אַז פֿאַראַן אַוודאי נאָך מיגלעכקייטן, דער הויפּט בײַ די איבערגעזעץ-געניטונגען. זאָל ער נישט מיינען, אַז אויב זײַן ענטפֿער שטימט נישט מיטן אָנגעגעבענעם מוז ער זײַן אַ פֿאַלשער. אין אַזאַ פֿאַל קען מען זיך אָנפֿרעגן בײַם ייִוואָ.
3. אין קלאַמערן ( ) גיבן מיר ווערטער וואָס זענען נישט קיין מוז, נאָר ברירהדיק.
4. אויף ביידע זײַטן פֿונעם קאָסאַק / גיבן מיר צוויי ברירות. היט זיך! אויב פֿאַרן קאָסאַק ווערט אָנגעגעבן בלויז אַ האַלבער זאַץ, באַציט זיך די ברירה אויך בלויז צום האַלבן זאַץ וואָס נאָך די קלאַמערן.
5. דאָרטן ווו די געניטונג פֿאָדערט בלויז צוצושרײַבן אַ וואָרט גיבן מיר בלויז אָן דאָס איינע וואָרט; דעם גאַנצן זאַץ שרײַבן מיר איבער נאָר דאָרטן ווו די געניטונג פֿאָדערט עס, למשל בײַ אַן איבערזעצונג.
6. אויב דער באַניצער וועט געפֿינען גרײַזן אָדער וועלן עפּעס פֿרעגן, איז אַדרבא. דאָס גרינגסטע: שרײַבט אונדז אויף .pglasser@yivo.cjh.org

הערשל גלעזער
סעפּטעמבער 2009

## Answer key to *College Yiddish*

YIVO is pleased to present an answer key to its world-famous textbook *College Yiddish* by the late Uriel Weinreich. The answers were prepared by Naomi Prawer-Kadar and the late Bina Weinreich; at an earlier stage, Sonia Pinkusowicz-Dratwa and Chava Lapin also participated in the work. The manuscript was typed by Shaindel Fogelman, edited by Gosia Zaremba and reviewed by Paul Glasser. Our thanks also to the students and teachers who pointed out the need for an answer key; we hope that it will prove useful both to teachers and their classes and to students learning Yiddish on their own.

Instructions for the user:

1. The answer key was completed from the sixth revised edition, second printing of 2006, so a few answers will not match the corresponding questions in earlier editions.
2. We have generally given one answer per question, occasionally two; the user must bear in mind, however, that there are often other possible answers, especially in the translation exercises. So if his answer does not match the one in the answer key, it may still not be incorrect. Feel free to contact YIVO with questions of this type.
3. A word in parentheses ( ) is optional.
4. On either side of a slash /, we give two possible answers. It should be clear from the context which part of the sentence allows for variation and which does not.
5. Where an exercise only requires completing a sentence, we give only the word(s) necessary to complete the sentence; we give a whole sentence only where the exercise requires it, such as in the translation exercises.
6. If the user finds errors or have questions, please contact YIVO at pglasser@yivo.cjh.org.

Paul Glasser
September, 2009

## ערשטע לעקציע Lesson 1

### p. 33 A

1. ייִדן וווינען אויף אַלע קאָנטינענטן.
2. איבער פֿינף מיליאָן ייִדן וווינען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.
3. ייִדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן רעדן ייִדיש און ענגליש.
4. ייִדן אין מעקסיקע רעדן שפּאַניש און ייִדיש.
5. שיקאַגאָ איז אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.
6. בוענאָס-אײַרעס איז אין אַרגענטינע.
7. ניו-יאָרק איז אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.
8. יאָ, פֿילאַדעלפֿיע איז אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

### p. 33 B*

1. ... וווינען ייִדן?
2. ... וווינען אין ניו-יאָרק?
3. ... ייִדיש די שפּראַך פֿון אַ סך ייִדן?
4. ... רעדן ייִדן ...?
5. ... ייִדן אַ פֿאָלק פֿון דרײַצן מיליאָן?
6. ... שפּראַך רעדן ייִדן ...?

### p. 34 C

1. ייִדן וווינען אין אַ סך לענדער: די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע, קאַנאַדע, מעקסיקע און אַנדערע.
2. אין ניו-יאָרק וווינען איבער צוויי מיליאָן ייִדן ... .
3. ייִדיש איז די שפּראַך פֿון אַ סך ייִדן.
4. ייִדן רעדן ענגליש אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אין קאַנאַדע און אין אַנדערע לענדער.
5. יאָ, ייִדן זײַנען אַ פֿאָלק פֿון דרײַצן מיליאָן.
6. אין קאַנאַדע רעדן ייִדן ייִדיש און ענגליש.

### p. 34 D

1. דער ייִד
2. דאָס לאַנד
3. דער צענטער
4. דער קאָנטינענט

### p. 34 E

1. די פֿאַראייניקטע שטאַטן
2. קאַנאַדע
3. ניו-יאָרק
4. מעקסיקע
5. לאָס-אַנדזשעלעס
6. פֿילאַדעלפֿיע
7. אַרגענטינע

---

*פֿאַראַן דאָ אַ סך מיגלעכקייטן, גיבן מיר בלויז איינע בײַ יעדער זאַץ.

There are many possibilities here. We give only one for each answer.

8. שיקאַגאָ
9. באָסטאָן
10. דעטרויט
11. אַפֿריקע
12. אויסטראַליע
13. סינסינאַטי
14. פֿלאָרידע
15. אַמעריקע

p. 43 F

1. ניו-יאָרק איז אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.
2. פֿילאַדעלפֿיע איז אויך אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.
3. ניו-יאָרק, באָסטאָן און פֿילאַדעלפֿיע זײַנען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.
4. שיקאַגאָ איז אַ ייִדישער צענטער.
5. איבער פֿינף מיליאָן ייִדן וווינען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.
6. צי וווינען צוויי מיליאָן ייִדן אין לאָס-אַנדזשעלעס?
7. אַ סך ייִדן וווינען אין קאַנאַדע.
8. אַ סך ייִדן וווינען אויך אין מעקסיקע.
9. ייִדן זײַנען אַ פֿאָלק פֿון דרײַצן מיליאָן.
10. ייִדן וווינען אויף אַלע קאָנטינענטן און אין אַ סך לענדער.
11. זייער אַ סך ייִדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן רעדן ייִדיש.
12. אין מעקסיקע רעדן ייִדן שפּאַניש און ייִדיש.

## צווייטע לעקציע Lesson 2

### Questions, p. 39

1. ניין, דער קלאַס איז גרויס.
2. אין קלאַס לערנען זיך תּלמידים.
3. דער לערער שרייַבט מיט קרייַד.
4. ער שרייַבט גרויסע ייִדישע אותיות.
5. יוסף שטיינבערג איז אַ תּלמיד.
6. ניין, ער שרייַבט ניט קיין ייִדיש, ער לייענט נאָר.
7. דער לערער פֿרעגט אים: „וויפֿל ייִדן וווינען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן?״
8. יאָ, יוסף ווייסט.
9. יאָ, ייִדן וווינען אין אויסטראַליע.
10. אין אַלע לענדער קענען ייִדן ייִדיש.

### p. 41 A

1. נייַע
2. גרויסער
3. קליינע
4. גוטער
5. נייַע
6. גוטע
7. גרויסן
8. גוטע
9. קליין
10. נייַער
11. גוטן
12. קליינע
13. נייַעם
14. נייַע
15. קליינעם
16. גרויסע
17. גוט

### pp. 41-42 B*

1. ... די תּלמידים?
2. ... אַ טאָוול?
3. ... איז יוסף שטיינבערג?
4. ... שרייַבט ער ...?
5. ... דער לערער?
6. ... שפּראַך רעדן ייִדן ...?
7. ... דער לערער ...?
8. ...-דער לערער?

*פֿאַראַן דאָ אַ סך מיגלעכקייטן, גיבן מיר בלויז איינע ביַי יעדער זאַך.

There are many possibilities here. We give only one for each answer.

9. ... רעדן ייִדן ...?

## p. 42 C

1. די תּלמידים האָבן העפֿטן און פֿעדערס.
2. אין קלאַס איז דאָ אַ טאָוול.
3. יוסף שטיינבערג איז אַ תּלמיד.
4. ניין, ער לייענט נאָר.
5. דער לערער פֿרעגט: „וויפֿל ייִדן וווינען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן?"
6. אין ישׂראל רעדן ייִדן העברעיִש.
7. דער לערער זאָגט: „ריכטיק. דאָ וווינען אַ סך ייִדן".
8. דער לערער שרײַבט אויפֿן טאָוול.
9. ייִדן רעדן העברעיִש אין ישׂראל.

## p. 42 D

1. דער לערער האָט ניט קיין העפֿט.
2. אין קלאַס איז ניטאָ קיין טאָוול.
3. יוסף שטיינבערג איז ניט קיין תּלמיד.
4. די תּלמידים האָבן ניט קיין פֿעדערס.
5. זיי שרײַבן ניט קיין ייִדישע אותיות.
6. דער לערער שרײַבט ניט מיט קיין קרײַד.
7. דער תּלמיד שרײַבט ניט מיט קיין פֿעדער.
8. ער שרײַבט ניט אין קיין העפֿט.
9. ער ענטפֿערט ניט.
10. יוסף לייענט ניט קיין ייִדיש.
11. דער תּלמיד לערנט זיך ניט קיין ייִדישע ווערטער.
12. דער לערער פֿרעגט ניט דעם גוטן תּלמיד.
13. אין ניו-יאָרק וווינען ניט קיין ייִדן.
14. ער קען ניט קיין ייִדישע ווערטער.
15. דער לערער האָט ניט קיין תּלמידים.
16. אַ לערער האָט ניט קיין תּלמידים.

## p. 42 E

1. דער לערער האָט אַ נײַעם תּלמיד.
2. ער האָט ניט קיין גוטע תּלמידים.
3. אין ישׂראל רעדן ייִדן העברעיִש, אָבער זייער אַ סך ייִדן קענען און רעדן ייִדיש.
4. יוסף לייענט און שרײַבט ייִדיש.
5. ייִדיש איז ניט קיין נײַע שפּראַך.
6. קאַנאַדע איז זייער אַ גרויס לאַנד.
7. אין שיקאַגאָ זײַנען דאָ אַ סך ייִדן.
8. אין אויסטראַליע זײַנען ניטאָ קיין סך ייִדן.
9. דער לערער קען ייִדיש און ענגליש, אָבער ניט קיין שפּאַניש.
10. דער תּלמיד ווייסט ניט ווו דער לערער איז.
11. דער לערער האָט זייער אַ גרויסן קלאַס.
12. הײַנט איז ניטאָ קיין קלאַס.
13. דער לערער פֿרעגט דעם נײַעם תּלמיד:
14. „וויפֿל תּלמידים זײַנען הײַנט דאָ אין קלאַס?"

15. יוסף ענטפֿערט:
16. „הײַנט זײַנען דאָ זייער אַ סך תּלמידים״.
17. די אַנדערע תּלמידים ענטפֿערן אויך.
18. נאָר צוויי תּלמידים רעדן ייִדיש.
19. זיי שרײַבן אָדער לייענען די שפּראַך.
20. דער לערער שרײַבט מיט קרײַד אויפֿן טאָוול אָדער מיט אַ פֿעדער אין אַ העפֿט.

## דריטע לעקציע Lesson 3

### Questions, p. 46

1. אַ סך מענטשן אין ניו-יאָרק זײַנען אימיגראַנטן און קינדער פֿון אימיגראַנטן.
2. די אימיגראַנטן זײַנען פֿון איטאַליע, שפּאַניע, גריכנלאַנד, כינע, אירלאַנד און אויך אַנדערע לענדער.
3. ניין, ניט אַלע מענטשן אין ניו-יאָרק זײַנען אימיגראַנטן.
4. הײַנט איז אַ יום-טובֿ.
5. יוסף און משה גייען שפּאַצירן.
6. זיי זעען אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן.
7. ייִדן לייענען ייִדישע צײַטונגען.
8. אין ניו-יאָרק גייען אַרויס צוויי צײַטונגען אויף ייִדיש אַלע טאָג.
9. די ייִדישע צײַטונגען שרײַבן / אין די ייִדישע צײַטונגען שרײַבט מען וועגן ייִדן אין אַלע לענדער./די ייִדישע צײַטונגען שרײַבן וועגן ייִדן אין אַלע לענדער.
10. ניין, ייִדישע צײַטונגען שרײַבן ניט נאָר וועגן ייִדן.
11. ענגלישע צײַטונגען שרײַבן ניט קיין סך וועגן ייִדן.
12. די קינדער שפּילן זיך אין פּאַרק.
13. זיי לערנען זיך נאָך מיטאָג אין דער ייִדישער שול.
14. ער איז אַ תּלמיד אין ערשטן קלאַס.
15. ער קען אַלע ייִדישע אותיות.

### p. 49 A

| | | |
|---|---|---|
| 1. | דעם שיינעם פּאַרק. | דעם שיינעם פּאַרק. |
| 2. | די אינטערעסאַנטע שטאָט. | דער אינטערעסאַנטער שטאָט. |
| 3. | דעם זעלביקן מענטשן. | דעם זעלביקן מענטשן. |
| 4. | דעם וואַרעמען טאָג. | דעם וואַרעמען טאָג. |
| 5. | די ערשטע גאַס. | דער ערשטער גאַס. |
| 6. | פֿאַרשיידענע צײַטונגען. | פֿאַרשיידענע צײַטונגען. |
| 7. | אַ נײַ לאַנד. | אַ נײַ לאַנד. |
| 8. | דאָס נײַע לאַנד. | דעם נײַעם לאַנד. |
| 9. | דאָס גוטע קינד. | דעם גוטן קינד. |
| 10. | די גוטע ברידער. | די גוטע ברידער. |
| 11. | דעם גרויסן יום-טובֿ. | דעם גרויסן יום-טובֿ. |
| 12. | אַ קליין לאַנד. | אַ קליין לאַנד. |
| 13. | דאָס קליינע פֿאָלק. | דעם קליינעם פֿאָלק. |
| 14. | די גוטע מענטשן. | די גוטע מענטשן. |
| 15. | די ערשטע זאַך | דער ערשטער זאַך. |

### p. 49 B

1. דאָרטן וווינען איטאַליענער און אירלענדער.
2. אין די הײַזער וווינען ניט קיין ייִדן.
3. איצט זײַנען וואַרעמע טעג.
4. די תּלמידים רעדן מיט די לערערס.
5. זיי וווינען אין די נײַע הײַזער.
6. די לערערס האָבן זייער קליינע העפֿטן.
7. אין די קליינע לענדער וווינען גרויסע פֿעלקער.
8. אין ניו-יאָרק זײַנען דאָ ייִדישע שולן.

9. ייִדן האָבן שיינע יום-טובֿים.
10. די ברידער קומען הײַנט.

## p. 49 C

1. דער גרויסער
2. דעם נײַעם
3. נײַער
4. דער ... דעם
5. שיין
6. דער גרויסער
7. אַ וואַרעם
8. דעם קליינעם
9. די ייִדישע
10. וואַרעמע
11. דער ערשטער ... דעם גרויסן
12. שיינער
13. דער ... דער ייִדישער
14. די ... דער זעלביקער
15. דער גוטער... נײַע ... דער נײַער

## p. 50 D

1. מען רעדט ניט וועגן די זאַכן.
2. מען ווייסט ניט ווו יוסף איז איצט.
3. מען קומט און מען גייט צוזאַמען יעדן טאָג.
4. מען ווינט ניט אין אַ / קיין שול; מען לערנט זיך נאָר דאָרטן / דאָרטן לערנט מען זיך נאָר.
5. מען שרײַבט אויפֿן טאָוול מיט קרײַד.
6. מען פֿאַרקויפֿט דאָרטן צײַטונגען / דאָרטן פֿאַרקויפֿט מען צײַטונגען.
7. מען פֿרעגט דעם לערער וואָס מען ווייסט ניט.
8. אויף ייִדיש זאָגט מען Yoysef און מען שרײַבט „יוסף“.
9. צי ווינט מען אין דעם הויז?
10. צי זעט מען דאָרטן מענטשן?
11. מען ווייסט עס ניט.

## p. 50 E

1. די קינדער שפּילן זיך לעבן דעם הויז.
2. זיי זעען דעם גרויסן פּאַרק אויף דער זעלביקער גאַס.
3. יוסף גייט שפּאַצירן אין פּאַרק און שפּילט זיך דאָרט.
4. אין פּאַרק זײַנען דאָ אַ סך מענטשן.
5. הײַנט איז אַ יום-טובֿ און אַ שיינער טאָג.
6. אין דעם פּאַרק שפּאַצירט מען, מען לייענט צײַטונגען, אָדער מען שפּילט זיך מיט קינדער.
7. מען זעט דעם מאַן יעדן טאָג.
8. אָבער ער שפּילט זיך ניט מיט די קינדער.
9. ער לייענט ניט קיין צײַטונגען.
10. ער רעדט ניט מיט קיין מענטשן.
11. מען פֿרעגט דעם מאַן ווו דער פּאַרק איז, אָבער ער ענטפֿערט ניט.
12. נאָך מיטאָג גייען די ייִדישע קינדער אין שול.

13. יוסף זעט אַ סך פֿאַרשיידענע זאַכן.
14. ייִדן וווינען אין אַ סך שטעט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אָבער ניט אין אַלע שטעט.
15. משה זעט דאָס קינד לעבן דעם זעלבן הויז אַלע טאָג. / משה זעט דאָס קינד אַלע טאָג לעבן דעם זעלבן הויז.
16. ער וווינט אויף דער ערשטער אָדער אויף דער צווייטער גאַס.
17. יוסף האָט צוויי ברידער.
18. ער האָט אַ גרויסן (ברודער) און אַ קליינעם ברודער.
19. די ברידער זײַנען ניט קיין תּלמידים.
20. נאָר יוסף איז איצט אַ תּלמיד.

## פֿערטע לעקציע Lesson 4

### Questions, p. 54

1. ה׳ פֿרידמאַן וווינט אין ניו-יאָרק, אין אַ שיין הויז.
2. ה׳ פֿרידמאַן, פֿרוי פֿרידמאַן און זייערע קינדער וווינען אין דעם הויז.
3. דער זון הייסט שלמה.
4. די טאָכטער הייסט אסתּר.
5. שלמה וויל זייַן אַ דאָקטער.
6. שלמהס שוועסטער לערנט זיך אין קאַלעדזש.
7. די מאַמע אַרבעט.
8. אסתּר קומט צוזאַמען מיט ה׳ פֿרידמאַן.
9. שלמה לייענט אַ בוך.
10. יאָ, ה׳ פֿרידמאַן קען דאָס בוך.
11. ניין, אסתּר לייענט ניט צוזאַמען מיט שלמהן.
12. זי זאָגט: „גענוג. די מאַמע זאָגט, אַז מיר קענען שוין עסן“.
13. זיי אַלע עסן.

### p. 57 A

איך אַרבעט
דו אַרבעטסט
צי אַרבעטסטו?
ער/זי אַרבעט
מיר אַרבעטן
איר אַרבעט
זיי אַרבעטן

איך פֿרעג
דו פֿרעגסט
צי פֿרעגסטו?
ער/זי פֿרעגט
מיר פֿרעגן
איר פֿרעגט
זיי פֿרעגן

איך ענטפֿער
דו ענטפֿערסט
צי ענטפֿערסטו?
ער/זי ענטפֿערט
מיר ענטפֿערן
איר ענטפֿערט
זיי ענטפֿערן

איך טו
דו טוסט
צי טוסטו?
ער/זי טוט

מיר טוען
איר טוט
זיי טוען

איך קום
דו קומסט
צי קומסטו?
ער/זי קומט
מיר קומען
איר קומט
זיי קומען

איך לייען
דו לייענסט
צי לייענסטו?
ער/זי לייענט
מיר לייענען
איר לייענט
זיי לייענען

איך רעד
דו רעדסט
צי רעדסטו?
ער/זי רעדט
מיר רעדן
איר רעדט
זיי רעדן

p. 57 B

1. זיי זייַנען לערערס.
2. אין וואָסערע שולן אַרבעטן זיי?
3. איר לערנט זיך אין שול.
4. די טאָכטער אַרבעט אין דער היים.
5. דאָס קינד שפּילט זיך אין פּאַרק.
6. די זין פֿאַרקויפֿן ביכער.
7. איך עס אין דער היים.
8. ווי הייסטו?
9. דו קומסט באַלד אַהיים אָדער ניט?
10. איר קענט שוין גוט ייִדיש?
11. איך ווייס ניט גענוג.
12. זיי לייענען אַ סך ביכער.
13. וואָס זאָגט איר?
14. מיר זאָגן, אַז מיר ווייסן ניט ווּ יוסף וווינט.
15. זיי ענטפֿערן ניט.
16. זיי ווילן ניט די ביכער.
17. מיר גייען שפּאַצירן אין פּאַרק.

18. זיי זײַנען אין גרויסן צימער.

## p. 57 C

1. אסתּרן
2. שלמהן
3. שטיינבערגן
4. משהן
5. שלום-עליכמען
6. דעם טאַטן
7. טײַבל
8. יוספֿן
9. דעם טאַטן
10. דאַנטען

## p. 58 D

1. דער ברודער וווינט אין דער אַנדערער שטאָט.
2. איך וויל ניט דאָס אַנדערע בוך.
3. דער לערער רעדט מיטן אַנדערן תּלמיד.
4. מיר האָבן ניט די אַנדערע זאַכן.
5. זיי שרײַבן אויפֿן אַנדערן טאָוול.
6. דאָס אַנדערע קינד זאָגט עס.
7. ער שרײַבט אין דער אַנדערער העפֿט.
8. מען פֿרעגט דעם אַנדערן מענטש.
9. אַלע טאָג גייען זיי שפּאַצירן אויף דער אַנדערער גאַס.
10. אין דער היים לייענט זי דאָס אַנדערע בוך.

## p. 58 E

1. צי פֿאַרקויפֿט איר צײַטונגען?
2. איך וויל עס ניט; איך עס געווינג אין דער היים.
3. מיר קומען פֿון אַן אַנדער שטאָט אין קאַנאַדע.
4. דער ברודער און די שוועסטער לערנען זיך אין ניו-יאָרק, אָבער דער טאַטע וווינט אין פֿילאַדעלפֿיע; ער אַרבעט דאָרטן אויך.
5. מיר לייענען וועגן וואַשינגטאָנען.
6. הײַנט לייענען מיר וועגן וואַשינגטאָן.
7. פֿאַר וואָס ווייסטו דאָס ניט?
8. ווי הייסטו?
9. איך הייס שלמה.
10. איך זע משהן און טײַבלען.
11. מען זאָגט, אַז דער דאָקטער איז אין דער היים אַלע טאָג נאָך מיטאָג.
12. עס איז זייער אַן אינטערעסאַנט בוך.
13. איך ווייס דאָס, ווײַל איך קען שוין ייִדיש.
14. וואָס שרײַבסטו אין (דער) העפֿט?
15. איך שרײַב וועגן דעם טאַטן.
16. אין שול לערנען מיר זיך וועגן לינקאָלנען און דשזעפֿערסאָנען.
17. דער ברודער קומט אַהיים אַליין.
18. איך לייען די זייער גוטע מעשׂה.

19. איך גיי ווידער אַהיים.
20. פֿרוי / פֿר׳ שׂרה שטיינס טאָכטער, פֿרײַלין / פֿרל׳ אסתּר שטיין, קומט באַלד אַהיים.
21. הער / ה׳ שטיין איז שוין דאָ אין דער היים, ווײַל ער אַרבעט ניט הײַנט / הײַנט אַרבעט ער ניט.
22. צי ווייסטו / ווייסט איר וואָס ער טוט?
23. מען זאָגט, אַז ער פֿאַרקויפֿט ביכער אָדער צײַטונגען.

## פֿינפֿטע לעקציע Lesson 5

### p. 65 B

אַלע מענטשן קומען פֿון איין טאַטן און פֿון איין מאַמע(ן). מיט די פֿאַרשיידענע פֿאַרבן זייַנען זיי אַלע ברידער. די פֿאַרשיידענע פֿעלקער זייַנען אַן אויסגעטראַכטע מעשׂה. מישט די פֿאַרבן אויס צוזאַמען — אַלע מענטשן זייַנען די זעלביקע.

### p. 65 C

1. עס
2. ער
3. ער
4. זיי
5. עס
6. ער
7. זי
8. ער
9. זי
10. זי

### p. 65 D

1. זייַנען
2. ביסטו
3. זייַט
4. ביסט
5. בין
6. זייַנען
7. זייַנען
8. זייַט
9. זייַ / זייַט
10. זייַנען

### pp. 65-66 E

1. האָסטו
2. האָב
3. האָבן
4. האָט
5. האָבן
6. האָט
7. האָבן
8. האָב
9. האָט
10. האָבן

### p. 66 F

1. לאַכט ניט, קינדער.
2. הער, דוד, וואָס איז די ווייַסע זאַך?

3. זאָגט מיר, ה׳ עפּשטיין, וואָס איר האָט דאָרטן.
4. צי רעדסטו ייִדיש, אסתּר?
5. איך רעד ייִדיש ווײַל מע רעדט די שפּראַך אין דער היים.
6. זײַ / זײַט אַזוי גוט, קום / קומט אַהיים.
7. זײַט אַזוי גוט, שיקט מיר דאָס בוך.
8. זײַ אַזוי גוט, שיק מיר דאָס בוך (, דוד).
9. קומט און עסט מיט אונדז, ה׳ גאָלד.
10. צי קומט איך פֿרוי / חבֿרטע גאָלד באַלד?
11. מיר האָבן אַ נײַעם טאָוול אין שול. ער איז אינעם אַנדערן צימער.
12. איך האָב אַן אינטערעסאַנטע צײַטונג. זי איז אויף ייִדיש.
13. די שטאָט איז זייער גרויס. זי איז נײַ און שיין.
14. פֿאַר וואָס ווינט איר צוזאַמען מיט חיימען?
15. מיר ווינען צוזאַמען ווײַל מיר לערנען זיך צוזאַמען.
16. צי האָט חיים ניט קיין געשעפֿט?
17. ניין, מיר לערנען זיך אין דער זעלבער שול.
18. איך זע די פֿרוי אַלע טאָג.
19. זי אַרבעט ניט קיין סך.
20. פֿון וואָס לעבט זי?
21. זי האָט גענוג געלט פֿון דעם טאַטן.
22. זי לעבט פֿון דעם געלט.
23. „דו ביסט אַ שלעכט ייִנגל״, זאָגט די מאַמע דעם / צום קינד.
24. איך ווייס ניט פֿאַר וואָס איר לאַכט.
25. אין אַמעריקע זײַנען דאָ ברוינע, געלע, שוואַרצע און ווײַסע מענטשן

## Lesson 6 זעקסטע לעקציע

### p. 69 A

1. הײַנט װױנען איבער אַ העלפֿט פֿון אַלע ייִדן אין די פֿאַראײניקטע שטאַטן.
2. דער זון און די טאָכטער קענען ייִדיש.
3. זײ װײסן, אַז אַ סך ייִדן רעדן ייִדיש אין אַלע לענדער.
4. מיר גײען באַלד שפּאַצירן.
5. מען זאָגט, אַז די צײַטונג איז אינטערעסאַנט.
6. װי זאָגט מען two אויף ייִדיש?
7. װי הײסטו?
8. װי הײסט איר?
9. איך בין אין דער הײם אַלע טאָג נאָך מיטאָג.
10. זײַט אַזױ גוט , חבֿר בערג.
11. זײַ אַזױ גוט, דוד.
12. ייִדן זײַנען אַ פֿאָלק.
13. אַ סך מענטשן אין אַמעריקע זײַנען ייִדן.
14. איך זע, אַז דו װילסט / איר װילט אַן אַנדער זאַך.

### p. 69 B

.1

הער פֿרידמאַן און פֿרוי פֿרידמאַן / װױנען / אין אַ שײן הױז אין ניו-יאָרק / צוזאַמען מיט זײערע קינדער. זײ / האָבן / צװײ קינדער: / אַ זון, שלמה, און אַ טאָכטער, אסתּר. שלמה / לערנט זיך / מעדיצין / װײַל / ער / װיל זײַן / אַ דאָקטער. פֿרלי פֿרידמאַן / גײט / אין קאַלעדזש.

שלמה / איז / אסתּרס ברודער. אסתּר / איז / שלמהס שװעסטער.

שלמה / קומט / אַהײם פֿון שול. פֿרי פֿרידמאַן / איז / אין אַן אַנדער צימער. „מאַמע, דו אַרבעטסט?" / פֿרעגט / שלמה.

„יאָ, איך אַרבעט", / זאָגט / די מאַמע. „און / װאָס / טוסטו, / שלמה?"

„איך / קום / איצט / פֿון שול. דער טאַטע / איז / שױן / אין דער הײם?"

„נײן, / אָבער ער / קומט / באַלד", זאָגט / פֿרי פֿרידמאַן. „ער / קומט / צוזאַמען מיט אסתּרן".

2. In Yiddish, the verb is always in the second place.
3. When the sentence is a question or when another part of speech (except the verb) takes first place, the subject comes after the verb.
4. װי, און, אָבער, װײַל, װען, אַז
5. An adjective can be a separate sentence unit when it is a predicate adjective.

.6

דאָס קינד / איז / שײן. = שײן / איז / דאָס קינד.

דאָס קינד / לײענט / איצט / אַ בוך. = איצט לײענט / דאָס קינד / אַ בוך.

אין אײראָפּע רעדט מען אַ סך שפּראַכן. = מען רעדט אַ סך שפּראַכן אין אײראָפּע.

הײַנט / גײ / איך / אין שול. = איך / גײ / הײַנט / אין שול.

נאָך מיטאָג / גײ / איך / אין שטאָט. = איך / גײ / נאָך מיטאָג / אין שטאָט.

### p. 69 C

1. הײַנט גײ איך ניט צו דער אַרבעט.
2. אַ גרױס קינד קען הערן די מעשׂיות.
3. אַ קלײן קינד לערנט זיך דעם אַלף-בית.
4. דער ייִד גײט אין פּאַרק און פֿאַרקױפֿט דאָרטן צײַטונגען.

5. דער טאַטע איז דאָ אין הויז.
6. משה קומט אויף דער פּאָסט און שיקט אַ סך בריוו.
7. די קליינע טאָכטער ווייסט שוין, אַז ייִדן זענען אַ גרויס פֿאָלק.
8. אין וואָסער לאַנד וווינען אַ סך ייִדן?
9. זי קען לייענען אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן, אָבער זי קען ניט גוט שרייַבן.
10. חיימס שוועסטער ענטפֿערט אַלע מאָל ריכטיק.
11. אויב דו ווילסט נישט רעדן, שרייַב מיר אַ בריוו.
12. אַז דו לאַכסט, לאַכט די מאַמע אויך.

## p. 70 D

| | | | |
|---|---|---|---|
| די זאַך | דאָס הויז | די גאַסן | די העפֿט |
| דער קלאַס | די פֿעדער | די לערערס | די ייִדן |
| דאָס פֿאָלק | די לענדער | די שפּראַך | דער פּאַרק |
| דער טאָג | דער יום-טובֿ | דער מענטש | די געשעפֿטן |
| די צייַטונגען | די קינדער | די שולן | דער טאַטע |
| די שטאָט | דאָס בוך | דער דאָקטער | די מאַמעס |
| די ייִנגלעך | די טאָכטער | די ברידער | |
| די בריוו | דער צימער | די תּלמידים | |

## p. 70 E

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| איך: | האָב | שיק | לאַד | טראָג | בין | קום |
| דו: | האָסט | שיקסט | לאַכסט | טראָגסט | ביסט | קומסט |
| ער/זי: | האָט | שיקט | לאַכט | טראָגט | איז | קומט |
| מיר: | האָבן | שיקן | לאַכן | טראָגן | זייַנען | קומען |
| איר: | האָט | שיקט | לאַכט | טראָגט | זייַט | קומט |
| זיי: | האָבן | שיקן | לאַכן | טראָגן | זייַנען | קומען |
| | האָב! האָט! | שיק! שיקט! | לאַד! לאַכט! | טראָג! טראָגט! | זייַ! זייַט! | קום! קומט! |

## p. 70 F

די קינדער גייען אין שול.
דאָס בוך ליגט אין צימער.
די מאַמע גייט שפּאַצירן אין פּאַרק.
ער אַרבעט אין צימער.
משה וווינט לעבן פּאַרק.

## p. 70 G

1. דער
2. דעם שוואַרצן
3. דעם

4. ברוין
5. דאָס ברוינע ... דעם געלן
6. אַנדער
7. דער זעלביקער
8. אַנדער
9. שיינעם
10. געלע
11. גרויס ווייַס
12. דער אַנדערער

## H p. 70

1. דער ברודער האָט ניט קיין סך געלט.
2. ער לעבט ניט פֿון קיין גוט געשעפֿט.
3. איך זע ניט קיין מאַמע און ניט קיין קינדער.
4. אַ ייִנגל טראָגט ניט קיין שווערע זאַך.
5. פֿאַר וואָס איז הייַנט ניט קיין יום-טובֿ?
6. איר זייַט ניט קיין דאָקטוירים.
7. מיר וווינען ניט אין קיין גרויס הויז.
8. מען שרייַבט ניט קיין ייִדישע אותיות.
9. איך האָב ניט קיין בריוו.
10. דער מענטש לייענט ניט קיין בוך.

# זיבעטע לעקציע Lesson 7

## Questions, p. 73

1. יוסף קומט צו גאַסט צו משהן.
2. משה שרײַבט אַ בריוו צו זײַן פֿעטער.
3. ער האָט צוויי פֿעטערס.
4. איין פֿעטער וווינט אין ישׂראל, דער צווייטער (פֿעטער וווינט) אין פּאַריז.
5. יוסף האָט אַ פֿעטער אין רוסלאַנד. / אין רוסלאַנד האָט יוסף אַ פֿעטער.
6. זיי העלפֿן דער מומע / איר מיט געלט.
7. ער וווינט אין אַ קיבוץ לעבן תּל-אָבֿיבֿ.
8. ער וויל אַרבעטן אויף דער ערד.
9. משהס שוועסטערקינד וויל ווערן אַן אַרכיטעקט.
10. אין אַמעריקע וואַקסן מאַראַנצן אין קאַליפֿאָרניע און פֿלאָרידע.
11. ייִדן אין אַמעריקע קענען געבן געלט די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס וואָס שיקן הילף פֿאַר ייִדן אין אייראָפּע און ישׂראל.
12. זיי שיקן צען דאָלאַר צו העלפֿן אַ ייִדיש קינד אין פֿראַנקרײַך.

## p. 78 A

1. דעם
2. דעם טאַטן ... ייִדישע
3. דעם ... דער
4. דער
5. דעם
6. דעם קליינעם ... די
7. דער מאַמע
8. דעם
9. דער
10. דעם ... דעם
11. חיימען
12. דער

## p. 78 B

איך וויל געבן דעם טאַטן אַ בוך.

יאָסל גיט דער מאַמע געלט.

משה גיט אסתּרן אַן עצה.

רייזל זאָגט דעם ברודער „אַ גוטע נאַכט".

דער לערער זאָגט די קינדער „גוט-מאָרגן".

איך זאָג איר אַלע מאָל ווי שיין זי איז.

מיר שיקן בריוו דער משפּחה אין ישׂראל.

איך וויל עס אים שיקן.

יוספֿס מומע שיקט אים אַ ייִדישע צײַטונג פֿון קאַנאַדע.

## p. 78 C

„גוט-מאָרגן, אסתּר!"

„גוט-יאָר, חיים! וווּהין גייסטו?"

„איך גיי אַהיים. איך דאַרף שוין דאָרטן זײַן. און דו?"

„איך גיי צו דער מומע צו גאַסט. זי וווינט אין דעם הויז"

„נו, איך דאַרף גיין. אַ גוטן טאָג!"

„אַ גוט יאָר, חיים!"

„גוטן-אָוונט, אסתּר!"

„גוט-יאָר,חיים! וווּהין גייסטו?"

„איך גיי אַהיים. איך דאַרף שוין דאָרטן זײַן. און דו?"

„איך גיי צו דער מומע צו גאַסט. זי וווינט אין דעם הויז".

„נו, איך דאַרף גיין. אַ גוטע נאַכט!"

„אַ גוט יאָר, חיים!"

## p. 78 D

1. זי וויל פֿאָרן קיין אייראָפּע.
2. איך לערן זיך לייענען.
3. איר קענט זיך ניט לערנען אין איטאַליע אויב איר רעדט ניט קיין איטאַליעניש.
4. זיי דאַרפֿן ניט פֿאָרן קיין אייראָפּע.
5. מיר העלפֿן משהן אַרבעטן.

## p. 78 E

1. לאָמיר זען וואָס חיים טוט הײַנט.
2. ער העלפֿט דעם טאַטן אַרבעטן.
3. זיי ווילן זען פֿאַר וואָס דער אויטאָ אַרבעט ניט.
4. חיים וויל, די משפּחה זאָל זען דעם נײַעם אויטאָ.
5. זײַנע ברידער און שוועסטער ווילן אויך פֿירן דעם אויטאָ.

6. זיי פֿאַרשטייען די זאַכן.

7. מייַן שוועסטערקינד יוסף וווינט אין ישׂראל.

8. ער וויל ווערן אַ לערער.

9. ער רעדט העברעיִש אין דער היים.

10. ער שרייַבט דער מאַמע, אַז ער לערנט זיך ייִדיש אויך.

11. איך שרייַב זייער אָפֿט מייַן שוועסטערקינד אין אייראָפּע.

12. זייַ / זייַט אַזוי גוט, גיב / גיט דעם קינד אַ דאָלאַר.

13. הייַנט קענען ניט זייַן קיין צייַטונגען, ווייַל עס איז אַ יום-טובֿ.

14. צי קענט איר הייַנט קומען צו אונדז צו גאַסט?

15. נו, גוט.

16. איך וויל, אסתּר זאָל אויך קומען.

17. צי ווילט איר העלפֿן די קינדער? זיי בויען אַ קליין הויז אין פּאַרק.

18. גוט, לאָמיר זיי העלפֿן.

19. איך דאַרף ווידער גיין צום דאָקטער.

20. די קינדער דאַרפֿן שוין זייַן אין דער היים.

21. מען קען ניט גיין אויף דער גאַס. / אויף דער גאַס קען מען ניט גיין.

22. ער וויל וויסן וואָס איר טוט / דו טוסט.

23. גוט, איך קען אים זאָגן.

24. מען קען ניט וויסן וואָס צו טאָן.

25. יוסף וויל, איך זאָל אים איצט העלפֿן.

26. איך וויל, דו זאָלסט מיר געבן גענוג געלט.

## אַכטע לעקציע Lesson 8

### Questions, p. 83

1. די דײַטשן האָבן געמאַכט געטאָס אין אַלע שטעט אין פּוילן און אין רוסלאַנד וווּ ייִדן האָבן געוווינט.
2. דאָס איז געווען אין דער צײַט פֿון דער צווייטער וועלט-מלחמה.
3. ייִדן האָבן געמוזט וווינען אין די געטאָס.
4. ייִדן האָבן (נאָר) געקענט אַרויסגיין פֿון געטאָ (נאָר) ווען מען האָט זיי געשיקט אין שטאָט אַרבעטן פֿאַר די דײַטשן.*
5. ניין, ייִדן האָבן געקראָגן ווייניק עסן.
6. זיי האָבן ניט געהאַט גענוג ווײַל די דײַטשן האָבן זיי געגעבן זייער ווייניק.
7. מען איז געשטאָרבן פֿון הונגער און פֿון עפּידעמיעס.
8. ייִדישע דאָקטוירים האָבן (ווייניק) געקענט (ווייניק) העלפֿן ווײַל זיי האָבן ניט געקראָגן קיין מעדיצין פֿון די דײַטשן.**
9. מען האָט געמאַכט שולן פֿאַר די קינדער אין געטאָ.
10. אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען אַ גרויסער אויפֿשטאַנד.
11. ניין, ייִדן האָבן ניט געהאַט קיין אַעראָפּלאַנען.
12. די דײַטשן האָבן געהאַט טאַנקען, אַעראָפּלאַנען און גאַז קעגן די ייִדן.
13. ביז דער מלחמה זײַנען געווען זיבעצן מיליאָן ייִדן.
14. אין 1945 זײַנען געבליבן עלף מיליאָן.
15. די דײַטשן האָבן אומגעבראַכט זעקס מיליאָן (ייִדן).

### p. 85 A

אומגעבראַכט, אָרגאַניזירט, געגעבן, געגעסן, געוווינט, געוווּסט, געטאָן, געטאָרט, געלאָזט, געלעבט, געמאַכט, געמוזט, געניצט, געפּראַוועט, געקעמפֿט, געקענט, געקראָגן, געשיקט, ליקווידירט

געבליבן, געוואָרן, געווען, געקומען, געשטאָרבן

אומגעבראַכט, אָרגאַניזירט, געוווינט, געוווּסט, געטאָרט, געלאָזט, געלעבט, געמאַכט, געמוזט, געניצט, געפּראַוועט, געקעמפֿט, געקענט, געשיקט, ליקווידירט

געבליבן, געגעבן, געגעסן, געוואָרן, געווען, געטאָן, געקומען, געקראָגן, געשטאָרבן

### p. 85 B

איך האָב געפֿירט אַן אויטאָ.
דו האָסט געפֿירט אַן אויטאָ.
זי/ער האָט געפֿירט אַן אויטאָ.
מיר האָבן געפֿירט אַן אויטאָ.
איר האָט געפֿירט אַן אויטאָ.
זיי האָבן געפֿירט אַן אויטאָ.

איך בין געוואָרן אַ תּלמיד.
דו ביסט געוואָרן אַ תּלמיד.
ער/זי איז געוואָרן אַ תּלמיד.
מיר זײַנען געוואָרן תּלמידים.

---

* נאָר can go in either position, but not both.
** ווייניקוסו can go in either position, but not both.

איר זײַט געוואָרן תּלמידים.
זיי זײַנען געוואָרן תּלמידים.

הײַנט האָב איך געלייענט די צײַטונג.
הײַנט האָסטו געלייענט די צײַטונג.
הײַנט האָט ער/זי געלייענט די צײַטונג.
הײַנט האָבן מיר געלייענט די צײַטונג.
הײַנט האָט איר געלייענט די צײַטונג.
הײַנט האָבן זיי געלייענט די צײַטונג.

אין שיקאַגאָ האָב איך ניט געוווינט.
אין שיקאַגאָ האָסטו ניט געוווינט.
אין שיקאַגאָ האָט ער/זי ניט געוווינט.
אין שיקאַגאָ האָבן מיר ניט געוווינט.
אין שיקאַגאָ האָט איר ניט געוווינט.
אין שיקאַגאָ האָבן זיי ניט געוווינט.

## p. 85 C

1. דער טאַטע און די מאַמע האָבן אונדז געבויט אַ גרויס הויז.
2. אין געטאָ איז גאָרניט ניט געוואַקסן.
3. די מאַמע האָט געלאַכט ווען זי האָט דאָס געהערט.
4. איך ווייס, אַז דאָס איז אַן אינטערעסאַנט בוך, אָבער איך האָב עס נאָך ניט געלייענט.
5. משה האָט מיר געשיקט אַ בריוו פֿון באָסטאָן.
6. _איך האָב דעם פֿעטער געשריבן אַ בריוו.

## p. 85 D

אַ ייִד איז געקומען צו אַ צווייטן ייִד אין הויז און האָט געפֿרעגט:
„זײַט אַזוי גוט, זאָגט מיר: איר הייסט שלמה גאָלדבערג?״
„יאָ״, האָט דער אַנדערער ייִד געזאָגט.
דער ערשטער ייִד האָט אים געגעבן אַ פּאַטש, אָבער דער צווייטער האָט געלאַכט.
„הי גאָלדבערג, פֿאַר וואָס לאַכט איר?״ האָט געפֿרעגט דער ערשטער.
„ווײַל איך הייס גאָרניט שלמה גאָלדבערג. איך הייס דוד שוואַרץ!״

## p. 85 E

1. די מאַמע רעדט שיין.
2. ער האָט זייער גוט געשריבן ייִדיש.
3. די תּלמידים האָבן זיך זייער שווער געלערנט.
4. דאָס ייִנגל אַרבעט זייער שלעכט.
5. ער האָט ניט געקענט ריכטיק לייענען.
6. ער האָט צו זיי וואַרעם גערעדט.

## p. 85 F

1. אין אייראָפּע זײַנען געווען ייִדן.
2. אין שול זײַנען געווען זייער אַ סך תּלמידים.
3. אין געטאָ איז ניט געווען קיין סך עסן.
4. אין צימער זײַנען ניט געווען קיין מענטשן.

5. די קינדער האָבן שוין געדאַרפֿט זײַן אין דער היים.
6. אויף דער וועלט זײַנען געווען פֿאַרשיידענע פֿעלקער.
7. מען האָט ניט געטאָרט לאָזן די קינדער אַליין.

## pp. 85-86 G

1. גוט-מאָרגן, יוסף.
2. גוט-יאָר, חיים.
3. צי האָסטו געזען דאָס נײַע בוך?
4. ניין. וועגן וואָס איז עס?
5. עס איז וועגן דעם אויפֿשטאַנד אין וואַרשע.
6. דאָס בוך מוז זײַן זייער וויכטיק. ווער האָט עס געשריבן?
7. דער מענטש איז דאָרטן געווען אין דער צײַט פֿון דער מלחמה און איצט איז ער געקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.
8. צי זײַנען דאָ זאַכן אין בוך וואָס מיר האָבן נאָך ניט געוווּסט?
9. יאָ. איך האָב ביז איצט ניט געוווּסט, אַז די דײַטשן האָבן געניצט אַעראָפּלאַנען און גאַז קעגן דער געטאָ.
10. ווי האָבן זיי געקענט ניצן אַעראָפּלאַנען?
11. צי איז די געטאָ ניט געווען אין דער שטאָט וואַרשע?
12. צי איז זי ניט געווען זייער קליין?
13. יאָ, אָבער די דײַטשן האָבן געניצט אַעראָפּלאַנען און טאַנקען.
14. דו זעסט, די וועלט ווייסט זייער ווייניק וועגן דעם.
15. מען זאָגט, אַז אין דער מלחמה האָט מען ניט געניצט קיין גאַז, אָבער די דײַטשן האָבן אים געניצט קעגן ייִדן.
16. איך האָב דאָרטן געהאַט אַ פֿעטער און צוויי שוועסטערקינדער.
17. זיי זײַנען געשטאָרבן אין געטאָ.
18. צי האָט איר געוווּסט, אַז זיי זײַנען דאָרטן?
19. יאָ. מיר האָבן זיי געשריבן, אָבער זיי האָבן ניט געקראָגן די בריוו וואָס מיר האָבן זיי געשיקט.
20. עס איז שרעקלעך וואָס עס איז געוואָרן פֿון די ייִדן אין פּוילן.
21. ווען קענסטו מיר געבן דאָס בוך? איך וויל עס לייענען.
22. איך וויל, דו זאָלסט עס לייענען, און איך קען עס דיר איצט געבן. איך האָב עס שוין געלייענט.
23. נו, אַ גוטן טאָג, יוסף.
24. אַ גוטן טאָג.

## נײַנטע לעקציע Lesson 9

### Questions, p. 91

1. משה האָט געפֿונען אַן אַלטן בריוו.
2. זײַן שוועסטערקינד הערשל האָט געשריבן דעם בריוו.
3. משה איז געווען אַ ייִנגל ווען דער בריוו איז געקומען. ער האָט נאָך ניט געקענט לייענען קיין ייִדיש.
4. הערשל האָט דעם בריוו געשריבן צו זײַן פֿעטער און מומע.
5. הערשל האָט זיך געלערנט אין פֿינפֿטן קלאַס אין אַ ייִדישער שול אין ווילנע.
6. מען האָט געלערנט אַלע לימודים אויף ייִדיש, אַחוץ געשיכטע פֿון פּוילן.
7. הערשלען געפֿעלט ייִדישע געשיכטע, ווײַל ער וויל וויסן אַלץ וואָס (עס) איז געשען מיטן ייִדישן פֿאָלק.
8. מען איז געגאַנגען אין פֿאָלקשול זעקס יאָר.
9. נאָך דעם האָט מען זיך געלערנט אין גימנאַזיע.
10. אין הערשלס קלוב האָט מען געלייענט צוזאַמען זשורנאַלן און אויך אַליין געמאַכט אַ צײַטונג.
11. די צײַטונג האָבן זיי געמאַכט אַלע וואָך.
12. „מכּבי" איז אַ ספּאָרט-אָרגאַניזאַציע.
13. יאָ, ווילנע האָט געהאַט אַ גוטע מאַנשאַפֿט.
14. משה איז אַ מאָל געווען בײַ הערשלען צו גאַסט.
15. אַ נאַר לאַכט דרײַ מאָל.
16. ער לאַכט איין מאָל ווען ער הערט די מעשׂה, אַ צווייט מאָל ווען מען דערקלערט אים די מעשׂה און נאָך אַ מאָל ווען ער פֿאַרשטייט זי.
17. „אַן אַלטע מעשׂה! איך האָב זי שוין געהערט אַ סך מאָל!" און ער קען דערציילן די מעשׂה אַנדערש.

### p. 93 A

איך האָב באַשלאָסן צו גיין.
דו האָסט באַשלאָסן צו גיין.
ער/זי האָט באַשלאָסן צו גיין.
מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין.
איר האָט באַשלאָסן צו גיין.
זיי האָבן באַשלאָסן צו גיין.

הײַנט האָב איך דערציילט אַ מעשׂה.
הײַנט האָסטו דערציילט אַ מעשׂה.
הײַנט האָט ער/זי דערציילט אַ מעשׂה.
הײַנט האָבן מיר דערציילט אַ מעשׂה.
הײַנט האָט איר דערציילט אַ מעשׂה.
הײַנט האָבן זיי דערציילט אַ מעשׂה.

איך האָב אַבאָנירט דעם זשורנאַל.
דו האָסט אַבאָנירט דעם זשורנאַל.
ער/זי האָט אַבאָנירט דעם זשורנאַל.
מיר האָבן אַבאָנירט דעם זשורנאַל.
איר האָט אַבאָנירט דעם זשורנאַל.
זיי האָבן אַבאָנירט דעם זשורנאַל.

איך האָב פֿאַרשטאַנען דעם בריוו.

דו האָסט פֿאַרשטאַנען דעם בריוו.
ער/זי האָט פֿאַרשטאַנען דעם בריוו.
מיר האָבן פֿאַרשטאַנען דעם בריוו.
איר האָט פֿאַרשטאַנען דעם בריוו.
זיי האָבן פֿאַרשטאַנען דעם בריוו.

## p. 93 B

ייִדן האָבן געזאָגט: ווען מען האָט דערציילט אַ נאַר אַ מעשׂה, האָט ער געלאַכט דריַי מאָל: איין מאָל ווען מען האָט אים דערציילט די מעשׂה; אַ צווייט מאָל ווען מען האָט זי דערקלערט; און נאָך איין מאָל ווען ער האָט זי פֿאַרשטאַנען.

ווען מען האָט דערציילט אַ חכם אַ מעשׂה, האָט ער געזאָגט: „אַן אַלטע מעשׂה! איך האָב זי שוין געהערט אַ סך מאָל!״. און ער האָט געקענט דערציילן די מעשׂה אַנדערש.

## p. 93 C

1. ער גייט מיט איר שפּאַצירן.
2. זי האָט זי אים דערקלערט.
3. זיי ווילן אים האָבן.
4. ער רעדט מיט אים.
5. מען בויט זיי שוין דריַי יאָר.
6. זי רעדט מיט אים.
7. ער שפּילט זיך צוזאַמען מיט אים.
8. ער* גייט צו אים.

## p. 93 D

1. מיך
2. איַיך
3. זי
4. אים
5. וועמען
6. דיר
7. זיי
8. איַיך
9. עס
10. זי
11. דיר
12. איר
13. אונדז
14. מיר
15. איַיך
16. וועמען
17. אים
18. אונדז

*Although ייִנגל is neuter, few Yiddish speakers would use the pronoun עס in this example.

19. דיר
20. זיי

## p. 93 E

1. ווען דאָס קינד איז געווען קליין, איז עס געווען שיין.
2. „וואָס מאַכט איר?‟ פֿרעגט יוסף.
3. „זייער גוט‟, זאָגט דער אַלטער מאַן.
4. ווען איך בין געווען אַ קינד, האָב איך ניט געקענט קיין ייִדיש.
5. ווען מיר זײַנען געווען אין פּוילן, האָבן מיר געזען ווילנע און וואַרשע.
6. ווען דו ביסט געווען אין דער היים, איז די מאַמע שוין דאָרט געווען?
7. וואָס דער תּלמיד האָט זיך געלערנט, האָט ער געדענקט.
8. ווען אַ קינד רעדט מיטן טאַטן, צי דאַרף ער אים זאָגן „איר‟ אָדער „דו‟?
9. ווּ מען גייט, זעט מען שיינע הײַזער.
10. ווען איר קענט, קומט צו אונדז!

## p. 93 F

1. נעכטן איז מײַן פֿעטער געווען בײַ אונדז אין דער היים.
2. ער איז אַ לערער.
3. ער האָט אונדז דערציילט אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן.
4. אין אַמעריקע, האָט ער דערקלערט, גייען אַ סך קינדער אין ייִדישע שולן.
5. זיי גייען צוויי אָדער דרײַ מאָל אַ וואָך נאָך מיטאָג.
6. זיי לערנען זיך ייִדיש אָדער העברעיִש.
7. אין אַ סך שולן לערנט מען אויך ייִדישע געשיכטע.
8. מען וויל, ייִדישע קינדער זאָלן וויסן וואָס (עס) איז געשען מיטן ייִדישן פֿאָלק.
9. אָבער די זעלביקע קינדער גייען אַלע טאָג אין ענגלישע שולן סײַ ווי סײַ .
10. דער פֿעטער האָט געזאָגט, אַז זיי מוזן גיין אין צוויי שולן.
11. אין פּוילן זײַנען די ייִדישע שולן געווען אַנדערש.
12. מען האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַלץ קען זיך מען לערנען אין דער זעלביקער שול.
13. קינדער האָבן קיין מאָל ניט געמוזט פֿאַרלירן צײַט צו גיין אין צוויי שולן.
14. זיי האָבן געקענט זײַן פֿרײַ נאָך מיטאָג.
15. אין פּוילן זײַנען אַ סך ייִדישע קינדער געגאַנגען אין ייִדישע שולן ווּ מען האָט געלערנט אַלע לימודים אויף ייִדיש, אַחוץ געשיכטע פֿון פּוילן.
16. זיי האָבן זיך געלערנט אין דער שפּראַך וואָס מען האָט גערעדט אין דער היים.
17. דאָס איז געפֿעלן די קינדער.
18. ווײַל עס זײַנען געווען פֿאָלקשולן, זײַנען אויך געווען גימנאַזיעס.
19. ווען אַ קינד האָט געענדיקט אַ פֿאָלקשול, האָט געקענט גיין אין גימנאַזיע.
20. דער פֿעטער האָט נאָך אַלץ אַ זשורנאַל וואָס אַ קלוב פֿון ייִדישע קינדער אין פּוילן האָט אים געשיקט פֿאַר דער מלחמה.

# צענטע לעקציע Lesson 10

## Questions, p. 98

1. דער ערשטער ייִד האָט געפֿרעגט דעם חבֿר פֿאַר וואָס די זון שייַנט זומערצייַט.
2. יאָ, ער האָט אים געענטפֿערט, אַז דאָס איז גאָרניט.
3. דער חבֿר האָט אים דערציילט, אַז די זון שייַנט בייַ טאָג ווען עס איז סייַ ווי סייַ ליכטיק, אָבער בייַ נאַכט, ווען עס איז פֿינצטער, דאַרף די קליינע לבֿנה שייַנען אַליין.
4. די צוויי קאָנקורענטן האָבן זיך געטראָפֿן אין באַן.
5. ווייַל ר׳ יצחק האָט געמיינט, אַז ר׳ דוד זאָגט אַ ליגן.
6. ער האָט געטראַכט, אַז ר׳ דוד פֿאָרט קיין מינסק.
7. ר׳ דוד איז טאַקע געפֿאָרן קיין מינסק.
8. ער איז געפֿאָרן נאָך ווייץ.
9. רחל האָט געפֿרעגט בייַם זיידן פֿאַר וואָס רייַכע מענטשן ווערן קאַרג און טראַכטן אַלע מאָל וועגן זיך.
10. דער זיידע האָט רחלען צוגעפֿירט צום פֿענצטער און נאָך דעם צו אַ שפּיגל.
11. זי האָט געזען מענטשן דורכן פֿענצטער.
12. אין שפּיגל האָט זי געזען זיך אַליין.
13. דער זיידע האָט געזאָגט, אַז ווען מען קוקט דורך גלאָז זעט מען אַנדערע מענטשן, אָבער אויב דאָס גלאָז איז באַדעקט מיט אַ ביסל זילבער, זעט מען נאָר זיך אַליין.
14. ניט אַלץ וואָס מען וויל קען מען האָבן.

## p. 101 A

1. עס איז אַ מאָל געווען אַ גרויסע מלחמה.
2. עס קוקט אויף אייַך די גאַנצע וועלט.
3. עס שפּילן זיך קינדער אין פּאַרק.
4. עס זייַנען געשטאָרבן אַ סך מענטשן.
5. עס דאַרפֿן נאָך קומען גוטע צייַטן.
6. עס שמייכלט צו אונדז די זון.
7. עס ווערט ניט קיין זילבער פֿון גאָלד.
8. עס בלייַבט נאָך איין זאַך.
9. עס הערן די מענטשן און שווייַגן.
10. עס פֿאָרן די באַנען.
11. עס ענדיקן צוזאַמען די שול פֿיר חבֿרים. / עס ענדיקן פֿיר חבֿרים צוזאַמען די שול.
12. עס קומט די נאַכט.

## p. 101 B

1. געבעטן
2. געפֿרעגט
3. פֿרעגן
4. בעט
5. פֿרעג
6. בעט
7. בעט
8. געפֿרעגט
9. בעט ... פֿרעג

10. פֿרעג
11. בעט
12. געבעטן ... פֿרעגן

## p. 102 C

1. קיין
2. קיין
3. קיין ... אין
4. קיין
5. אין
6. קיין ... אין
7. קיין
8. אין
9. קיין
10. אין

## p. 102 D

1. איך רעד ניט צו זיך (אַליין); איך רעד צו דודן.
2. דער מאַן לאַכט פֿון זיך (אַליין).
3. שלמה האָט אַליין אַזוי געזאָגט.
4. רחל האָט געלייענט וועגן זיך אין דער צייַטונג.
5. מיר האָבן געקוקט אויף זיך און געלאַכט.
6. משה מוז אייַך אַליין דערציילן די מעשׂה.
7. צי ווילט איר דאָס פֿאַר זיך (אַליין) צי פֿאַר דער משפּחה?
8. דער טאַטע האָט אַליין געשריבן דעם בריוו.
9. ער האָט געהאַט אַ שיין קינד לעבן זיך.
10. די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז אַליין אַן אינטערעסאַנט לאַנד.

## p. 102 E

1. די וואָך איז געווען אַ ביסל צו קאַלט.
2. בייַ טאָג האָט גערעגנט און בייַ נאַכט האָט געשנייט.
3. קיין לבֿנה איז ניט געווען. / עס איז ניט געווען קיין לבֿנה.
4. ווינטערצייַט שייַנט ניט די זון צו אָפֿט.
5. נעכטן בין איך געווען אין שטאָט.
6. אין אַ פֿענצטער האָב איך געזען אינטערעסאַנטע, שיינע ביכער.
7. איך האָב אויף זיי געקוקט און נאָך דעם האָב איך באַשלאָסן זיי צו קויפֿן.
8. מען בעט אונדז שווייַגן.
9. צי איז דאָס טאַקע גאָלד?
10. ניין, עס איז נאָר זילבער.
11. איך בין דאָך ניט רייַך.
12. עס איז הייַנט אַ ליכטיקער טאָג. / הייַנט איז אַ ליכטיקער טאָג.
13. גיב / גיט מיר עפּעס עסן, זייַ / זייַט אַזוי גוט.
14. שלום-עליכם, דוד!
15. עליכם-שלום, רחל! וואָס מאַכסטו?
16. וואָס מאַכט די גאַנצע משפּחה?

17. איך מיין, אַז מען קען עס קיין מאָל אַזוי ניט טאָן.
18. דער זיידע איז זייער אַ גוטער מענטש; אַלע מאָל שמייכלט ער / ער שמייכלט אַלע מאָל.
19. איך מיין, אַז ער איז צו קלוג פֿאַר דיר.
20. איך אַליין מיין אויך אַזוי.
21. צי איז רחל דייַן / אייַער שוועסטער?
22. גיי, גיי! / גייט, גייט! איך האָב דאָך ניט קיין שוועסטער.

## עלפֿטע לעקציע Lesson 11

### Questions, p. 107

1. חנוכּה איז אַ יום-טובֿ פֿון אַכט טעג.
2. מען צינדט אָן איין ליכטל דעם ערשטן טאָג. / דעם ערשטן טאָג צינדט מען אָן איין ליכטל.
3. דעם לעצטן טאָג צינדט מען אָן אַכט ליכטלעך.
4. דער נס פֿון חנוכּה איז געשען מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק.
5. אַנטיוכוס האָט באַפֿוילן, אַז ייִדן אין ארץ-ישׂראל זאָלן אויפֿהערן צו דינען זייער גאָט און זאָלן ווערן געצן-דינערס.
6. די ייִדן האָבן געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד.
7. די חשמונאָים זײַנען געווען אַ טאַטע מיט פֿינף זין.
8. די חשמונאָים האָבן געפֿונען אַ קריגל מיט בוימל פֿאַר דער מנורה.
9. דער נס איז געווען, אַז דער בוימל אין קריגל איז נאָר געווען גענוג אויף איין טאָג, נאָר ער האָט געקלעקט אויף אַכט טעג.
10. חנוכּה-צײַט עסט מען לאַטקעס.
11. אַ דריידל האָט פֿיר זײַטן מיט די אותיות נ, ג, ה, ש: „נס גדול היה שם" (אַ גרויסער נס איז דאָרט געשען).
12. קינדער קריגן אַ מתּנה חנוכּה-געלט.

### p. 110 A

אָנצינדן חנוכּה ליכטלעך

איך צינד אָן חנוכּה-ליכטלעך.
דו צינדסט אָן חנוכּה-ליכטלעך.
ער/זי צינדט אָן חנוכּה-ליכטלעך.
מיר צינדן אָן חנוכּה-ליכטלעך.
איר צינדט אָן חנוכּה-ליכטלעך.
זיי צינדן אָן חנוכּה-ליכטלעך.

איך האָב אָנגעצונדן חנוכּה-ליכטלעך.
דו האָסט אָנגעצונדן חנוכּה-ליכטלעך.
ער/זי האָט אָנגעצונדן חנוכּה-ליכטלעך.
מיר האָבן אָנגעצונדן חנוכּה-ליכטלעך.
איר האָט אָנגעצונדן חנוכּה-ליכטלעך.
זיי האָבן אָנגעצונדן חנוכּה-ליכטלעך.

צינד אָן חנוכּה-ליכטלעך.
צינדט אָן חנוכּה-ליכטלעך.

אָנהייבן אַ ליד

איך הייב אָן אַ ליד.
דו הייבסט אָן אַ ליד.
ער/זי הייבט אָן אַ ליד.
מיר הייבן אָן אַ ליד.
איר הייבט אָן אַ ליד.

זיי הייבן אָן אַ ליד.

איך האָב אָנגעהויבן אַ ליד.
דו האָסט אָנגעהויבן אַ ליד.
זי/ער האָט אָנגעהויבן אַ ליד.
מיר האָבן אָנגעהויבן אַ ליד.
איר האָט אָנגעהויבן אַ ליד.
זיי האָבן אָנגעהויבן אַ ליד.

הייב אָן אַ ליד.
הייבט אָן אַ ליד.

אויפֿהערן צו זינגען

איך הער אויף צו זינגען.
דו הערסט אויף צו זינגען.
ער/זי הערט אויף צו זינגען.
מיר הערן אויף צו זינגען.
איר הערט אויף צו זינגען.
זיי הערן אויף צו זינגען.

איך האָב אויפֿגעהערט צו זינגען.
דו האָסט אויפֿגעהערט צו זינגען.
ער/זי האָט אויפֿגעהערט צו זינגען.
מיר האָבן אויפֿגעהערט צו זינגען.
איר האָט אויפֿגעהערט צו זינגען.
זיי האָבן אויפֿגעהערט צו זינגען.

הער אויף צו זינגען.
הערט אויף צו זינגען.

p. 110 B

1. אויסמישן
2. איך מיש אויס
3. איך האָב אויסגעמישט

p. 110 C

לכּבֿוד וואָס / צינדט / מען / אָן / די ליכטלעך?

First fixed place: לכּבֿוד וואָס (prepositional phrase)
Second fixed place: צינדט (inflected verb)
Subject pronoun: מען
Third fixed place: אָן (uninflected part of verb)
Direct object: די ליכטלעך

לכּבֿוד דעם נס פֿון חנוכּה.

First fixed place: לכּבֿוד דעם נס פֿון חנוכּה (prepositional phrase + prepositional phrase)

אַ מאָל, מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, / האָט / דער סירישער מלך אַנטיוכוס / באַפֿוילן ... געצן-דינערס.
First fixed place: אַ מאָל (adverb) מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק (prepositional phrase)
Second fixed place: האָט (inflected verb)
Subject: דער סירישער מלך אַנטיוכוס
Third fixed place: באַפֿוילן (uninflected part of verb)
Non-unit word: אַז
First fixed place: ייִדן אין ארץ-ישׂראל (subject noun)
Second fixed place: זאָלן (inflected verb)
Third fixed place: אויפֿהערן צו דינען (uninflected part of verb)
Indirect object: זייער גאָט
Non-unit word: און
First fixed place: (elided)
Second fixed place: זאָלן (inflected verb)
Third fixed place: ווערן (uninflected part of verb)
Predicate nominative: געצן-דינערס

אין בית-המיקדש / האָט ער / אַריינגעשטעלט / אַ געץ.
First fixed place: אין בית-המיקדש (prepositional phrase)
Second fixed place: האָט (inflected verb)
Subject pronoun: ער
Third fixed place: אַריינגעשטעלט (uninflected part of verb)
Direct object: אַ געץ

די ייִדן פֿון ארץ-ישׂראל / האָבן/ דעמאָלט / געמאַכט / אַן אויפֿשטאַנד קעגן דעם מלך.
First fixed place: די ייִדן פֿון ארץ-ישׂראל (subject noun)
Second fixed place: האָבן (inflected verb)
Adverb: דעמאָלט
Third fixed place: געמאַכט (uninflected part of verb)
Direct object: אַן אויפֿשטאַנד
Prepositional phrase: קעגן דעם מלך

דעם אויפֿשטאַנד / האָט / געפֿירט / די העלדישע משפחה פֿון די חשמונאָים — אַ טאַטע מיט פֿינף זין.
First fixed place: דעם אויפֿשטאַנד (direct object)
Second fixed place: האָבן (inflected verb)
Third fixed place: געפֿירט (uninflected part of verb)
Subject: די העלדישע משפחה ... זין

די ייִדן / האָבן / געוווּנען.
First fixed place: די ייִדן (subject noun)
Second fixed place: האָבן (inflected verb)

Third fixed place: געוווּנען (uninflected part of verb)

זיי/ האָבן/ אַרויסגעוואָרפֿן/ דעם סירישן מלך/ פֿון ארץ-ישׂראל/ און/ די געצן / פֿון בית-המיקדש.

First fixed place: זיי (subject pronoun)

Second fixed place: האָבן (inflected verb)

Third fixed place: אַרויסגעוואָרפֿן (uninflected verb)

Direct object: דעם סירישן מלך

Prepositional phrase: פֿון ארץ ישׂראל

Non-unit word: און

Direct object: די געצן

Prepositional phrase: פֿון בית-המיקדש

ווען די חשמונאָים / זייַנען / אַרייַנגעקומען / אין בית-המיקדש, / האָבן / זיי / דאָרטן / געפֿונען / אַ קריגל מיט בוימל / פֿאַר דער מנורה.

Non-unit word: ווען

First fixed place: די חשמונאָים (subject noun)

Second fixed place: זייַנען (inflected verb)

Third fixed place: אַרייַנגעקומען (uninflected part of verb)

Prepositional phrase: אין בית-המיקדש

Second fixed place: האָבן (inflected verb — entire subordinate clause counts as first fixed place)

Subject pronoun: זיי

Adverb: דאָרטן

Third fixed place: געפֿונען (uninflected part of verb)

Direct object: אַ קריגל מיט בוימל

Prepositional phrase: פֿאַר דער מנורה

אין קריגל / איז / געווען / גענוג בוימל / נאָר / אויף איין טאָג.

First fixed place: אין קריגל (prepositional phrase)

Second fixed place: איז (inflected verb)

Third fixed place: געווען (uninflected part of verb)

Predicate nominative: גענוג בוימל

Non-unit word: נאָר

Prepositional phrase: אויף איין טאָג

אָבער / עס / איז / געשען / אַ גרויסער נס, / און / דער בוימל / האָט / געקלעקט / אויף אַכט טעג.

Non-unit word: אָבער

First fixed place: עס (expletive pronoun)

Second fixed place: איז (inflected verb)

Third fixed place: געווען (uninflected part of verb)

Subject: אַ גרויסער נס

Non-unit word: און

First fixed place: דער בוימל (subject noun)

Second fixed place: האָט (inflected verb)
Third fixed place: געקלעקט (uninflected part of verb)
Prepositional phrase: אויף אַכט טעג

לכּבֿוד דעם נס / צינדן / מיר / היַינט / אָן / חנוכּה-ליכטלעך.
First fixed place: לכּבֿוד דעם נס (prepositional phrase)
Second fixed place: צינדן (inflected verb)
Subject: מיר
Adverb: היַינט
Third fixed place: אָן (uninflected part of verb)
Direct object: חנוכּה-ליכטלעך

p. 110 D

מיַינע שטערן זיַינען פֿאַרלאָשן
און די לאַנגע נאַכט איז פֿינצטער.
עס הייבט דאָך מיר אָן צו ווערן ליכטיק
ווען איך צינד אָן די אַכט ליכטלעך.

p. 111 E

1. די מאַמע האָט אַריַינגעשטעלט ליכטלעך אין / אינעם חנוכּה-לאָמפּ.
2. די ליכטלעך האָבן פֿריילעך געברענט.
3. מיר האָבן אַלע געקוקט אויף די ליכטלעך.
4. מען האָט די ליכט אָנגעצונדן לכּבֿוד חנוכּה.
5. משה געפֿעלט אַ סך מענטשן, אָבער אַנדערע ווילן אים אַרויסוואַרפֿן פֿונעם קלוב.
6. איך מיין, אַז ער דאַרף בליַיבן.
7. איך האָב אים געזען מיט דריַי טעג צוריק.
8. ער איז מיר זייער געפֿעלן.
9. מיַין שוועסטער איז געבליבן אין דער היים ביז מיט צוויי טעג צוריק.
10. דער זיידע איז געקומען צו אונדז צן גאַסט אויף איין טאָג.
11. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל בליַיבן אויף דריַי טעג, אָבער ער האָט געמוזט פֿאָרן אַהיים.
12. ער איז טאַקע געפֿאָרן.
13. אין אייראָפּע ווייסט מען, אַז די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז אַ רייַך לאַנד.
14. אַ סך מענטשן האָבן אַ מאָל געמיינט, אַז עס איז דאָ גאָלד אין די גאַסן.
15. אַזוי האָט מען זיי דערציילט אין בריוו וואָס מען האָט געשריבן פֿון אַמעריקע.
16. איך האָב די מעשׂה קיין מאָל ניט געהערט.
17. ער טראַכט דאָך אַלע מאָל וועגן אַנדערע.
18. היַינט זיַינען געבליבן ווייניק מלכים.
19. עס זיַינען דאָ אַ סך ייִדישע ביכער וועגן ייִדישע יום-טובֿים.
20. צי קענט איר / צי קענסטו זיי שוין לייענען?
21. איך ווייס ניט צי איך קען גענוג ייִדיש.
22. אָבער איך קען זינגען ייִדישע לידער, וויַיל זיי זיַינען ניט זייער שווער.
23. ווער וויל אָנהייבן דאָס ליד?
24. ווען זיי האָבן געענדיקט דאָס ליד, האָבן זיי אָנגעהויבן טאַנצן און האָבן ניט אויפֿגעהערט ביז זיי האָבן געדאַרפֿט גיין אַהיים.
25. צי האָט געקלעקט דאָס געלט וואָס איך האָב דיר געגעבן?

26. דער לאָמפּ איז דאָ קיין מאָל ניט געשטאַנען. / דאָ איז דער לאָמפּ קיין מאָל ניט געשטאַנען.
27. איך האָב געלייענט אַ מעשׂה וועגן אַ העלדיש קינד.
28. עס איז טאַקע אַ נס וואָס ער לעבט נאָך, ווייַל ער איז געווען זייער קראַנק.
29. איך וויל וויסן ווי מען שפּילט אין דריידל.
30. זייַ / זייַט אַזוי גוט און דערקלער / דערקלערט עס מיר.

## צוועלפֿטע לעקציע Lesson 12

### p. 115 A

1. די פֿרייַנד זייַנען געקומען צו אונדז צו גאַסט מיט אַ וואָך צוריק.
2. דאָס בוך געפֿעלט מיר. / מיר געפֿעלט דאָס בוך.
3. גוט-מאָרגן, חבֿר / פֿרייַנד / הער פֿעלדשטיין.
4. גוט-מאָרגן / גוט-יאָר, חבֿר / פֿרייַנד / הער בערג. וואָס מאַכט איר?
5. נו, אַ גוטע נאַכט.
6. אַ גוטע נאַכט. / אַ גוט יאָר.
7. איך וויל עס טאַקע פֿאַר זיך.
8. עס איז דאָך וואַרעם בייַ טאָג. / בייַ טאָג איז דאָך וואַרעם.
9. בייַ נאַכט איז ניט אַזוי וואַרעם.
10. רחל זאָגט מיר קיין מאָל ניט קיין ליגן.
11. הייַנט זייַנען אַלע פֿריילעך לכּבֿוד אייַך. / אַלע זייַנען הייַנט פֿריילעך לכּבֿוד אייַך.
12. די גאַנצע משפּחה איז בייַ אונדז אין דער היים .
13. איך האָב ניט געוווּסט, אַז עס איז דאָ אַזוי פֿיל גאָלד אויף דער וועלט.
14. ער איז אַלע מאָל אין דער היים, אַחוץ אין אָוונט.
15. מען דערציילט די מעשׂה אויך אַנדערש / אַנדערש אויך.
16. איך האָב זי סייַ ווי סייַ שוין געהערט.
17. זייַ / זייַט אַזוי גוט און גיב / גיט מיר אַ ביסל צייַט.
18. איך האָב קיין מאָל ניט גענוג צייַט .
19. שלום-עליכם, דוד, וואָס איז מיט דיר געשען?
20. איך וויל, דו זאָלסט אויף מיר קוקן, זייַ אַזוי גוט.

### p. 115 B

טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברודער, טאָכטער, זון, מומע, פֿעטער, זיידע, שוועסטערקינד

זי האָט אים געפֿרעגט וווּ ער וווינט.
די מאַמע האָט געפֿרעגט ווען רייזל קומט אַהיים.
ער ענטפֿערט געשווינד ווען מען פֿרעגט אים פֿראַגעס.

זי האָט געבעטן, מען זאָל צו איר קומען.
איך בעט אייַך, הערט אויף זינגען.
מיר בעטן די מאַמע, זי זאָל הייַנט מאַכן לאַטקעס.

בייַ נאַכט גייט אָפֿט אַ רעגן.
עס איז קאַלט אין גאַס.
זומערצייַט איז צו הייס אין שטאָט.
נעכטן איז געווען וואַרעם.

הער אויף צו רעדן.
ווען וועסטו אויפֿהערן צו שווייַגן?
איך וויל ענדיקן דאָס בוך.
פֿאַרן יום-טובֿ האָט מען געענדיקט די אַרבעט נאָך מיטאָג .

### p. 115 C

1. מיר
2. איר
3. דיר
4. בעט מאַשען, זי זאָל באַלד ענטפֿערן דעם טאַטן
5. אים
6. דעם קינד
7. אונדז
8. אײַך
9. דער מאַמע
10. די קינדער

## p. 115 D

דאָס בוך געפֿעלט מיר. / מיר געפֿעלט דאָס בוך.
דאָס בוך געפֿעלט דיר. / דיר געפֿעלט דאָס בוך.
דאָס בוך געפֿעלט איר. / איר געפֿעלט דאָס בוך.
דאָס בוך געפֿעלט אים. / אים געפֿעלט דאָס בוך.
דאָס בוך געפֿעלט אונדז. / אונדז געפֿעלט דאָס בוך.
דאָס בוך געפֿעלט אײַך. / אײַך געפֿעלט דאָס בוך.
דאָס בוך געפֿעלט זיי. / זיי געפֿעלט דאָס בוך.

## p. 115 E

1. זײַ / זײַט אַזוי גוט, ענדיק / ענדיקט עסן.
2. די מאַמע קען ניט פֿירן קיין אויטאָ.
3. מיר דאַרפֿן קריגן אַ ביסל געלט.
4. מיר האָבן זיי דאָך געהאָלפֿן אַרבעטן.
5. צי האָט שוין אויפֿגעהערט צו גיין אַ שניי?
6. יאָ, עס האָט אָנגעהויבן גיין אַ רעגן.
7. דאָס קינד האָט אָנגעהויבן צו לאַכן.
8. זיי האָבן אונדז געלאָזט גיין וווּהין מיר האָבן געוואָלט.

## p. 116 F

אָפֿט מאָל איז ניטאָ גענוג צײַט צו עסן איבערבײַסן. איך מוז, אָבער, טרינקען קאַווע מיט מילך. פֿאַר די קינדער קאָך איך אייער און זיי עסן זיי מיט ברויט. צוויי זײַנען נאָך זייער קליין, אָבער זיי לערנען זיך שוין עסן מיט אַ גאָפּל און אַ מעסער. אין שול עסן די גרויסע קינדער סענדוויטשן. אויב זיי ווילן עפּעס אַנדערש, גיב איך זיי געפֿילטע פֿיש אָדער קאָנסערוון און גרינסן.

די גאַנצע משפּחה עסט ניט מיטאָג אין דער היים, נאָר אין שול אָדער בײַ דער אַרבעט. אָבער וועטשערע עסן מיר אַלע מאָל צוזאַמען. אין אָוונט עסן מיר זופּ און פֿלייש מיט גרינסן. אין אָוונט זײַנען אַלע זייער הונגעריק.

## p. 116 G

1. דער מאַן האָט שווער געאַרבעט.
2. נאָך דעם האָט ער פֿריילעך געטאַנצט און געזונגען.
3. איך האָב געזען ווי קלוג דו האָסט / איר האָט געווּנען.
4. איר קענט פֿרײַ רעדן.
5. ער האָט אויף אונדז וואַרעם געקוקט.
6. ער האָט שווער אָנגעהויבן, אָבער גוט געענדיקט.
7. ער האָט גוט אָנגעהויבן, אָבער האָט נאָך ניט געענדיקט.

8. ער קריגט אָפּט בריוו.
9. די קינדער שפּילן גוט, אָבער דו שפּילסט שלעכט.
10. עס גייט אַ קליינער רעגן.

p. 116 H

| | | |
|---|---|---|
| די זיידעס | דער מלך | די אָוונטן |
| די בריוו | די שפּריכוווערטער | די חבֿרים |
| די מומע | דער פֿענצטער | דער קלוב |
| די משפּחות | די פֿעטערס | די דריידלעך |
| די אַעראָפּלאַנען | די מלחמה | דאָס שוועסטערקינד |
| דאָס ליכטל | די געטאָס | די צײַטן |
| די באַן | די אויפֿשטאַנדן | די מתּנות |
| דער ליגן | דער נס | די אויטאָס |

p. 116 I

פֿאַרשטיין ייִדיש

איך פֿאַרשטיי ייִדיש
דו פֿאַרשטייסט ייִדיש
ער/זי פֿאַרשטייט ייִדיש
מיר פֿאַרשטייען ייִדיש
איר פֿאַרשטייט ייִדיש
זיי פֿאַרשטייען ייִדיש

איך האָב פֿאַרשטאַנען ייִדיש
דו האָסט פֿאַרשטאַנען ייִדיש
ער/זי האָט פֿאַרשטאַנען ייִדיש
מיר האָבן פֿאַרשטאַנען ייִדיש
איר האָט פֿאַרשטאַנען ייִדיש
זיי האָבן פֿאַרשטאַנען ייִדיש

פֿאַרשטיי ייִדיש!
פֿאַרשטייט ייִדיש!

קריגן אַ בריוו

איך קריג אַ בריוו
דו קריגסט אַ בריוו
ער/זי קריגט אַ בריוו
מיר קריגן אַ בריוו
איר קריגט אַ בריוו
זיי קריגן אַ בריוו

איך האָב געקראָגן אַ בריוו
דו האָסט געקראָגן אַ בריוו
ער/זי האָט געקראָגן אַ בריוו
מיר האָבן געקראָגן אַ בריוו
איר האָט געקראָגן אַ בריוו
זיי האָבן געקראָגן אַ בריוו

קריג אַ בריוו!
קריגט אַ בריוו!

אַרויסוואַרפֿן זאַכן

איך וואַרף אַרויס זאַכן
דו וואַרפֿסט אַרויס זאַכן
ער/זי וואַרפֿט אַרויס זאַכן
מיר וואַרפֿן אַרויס זאַכן
איר וואַרפֿט אַרויס זאַכן
זיי וואַרפֿן אַרויס זאַכן

איך האָב אַרויסגעוואָרפֿן זאַכן
דו האָסט אַרויסגעוואָרפֿן זאַכן
ער/זי האָט אַרויסגעוואָרפֿן זאַכן
מיר האָבן אַרויסגעוואָרפֿן זאַכן
איר האָט אַרויסגעוואָרפֿן זאַכן
זיי האָבן אַרויסגעוואָרפֿן זאַכן

וואַרף אַרויס זאַכן!
וואַרפֿט אַרויס זאַכן!

## דרײַצנטע לעקציע Lesson 13

### Questions, p. 121

1. משהס זיידע איז אויסגעוואָקסן אין זשיטאָמיר, אין רוסלאַנד.
2. ער איז געגאַנגען אין חדר.
3. אַ חדר איז אַ טראַדיציאָנעלע שול, ווו מען לערנט חומש מיט רשי און גמרא.
4. דער חדר איז געווען בײַם רבין אין דער היים.
5. דער זיידע איז געגאַנגען אין חדר ביז ער איז געוואָרן בר-מיצווה.
6. ווען זײַן טאַטע איז געשטאָרבן, איז ער געוואָרן אַ לערנייִנגל בײַ אַן אײַנבינדער.
7. ווײַל אין רוסלאַנד איז געקומען זייער אַ שלעכטע צײַט.
8. מען האָט דערציילט וועגן אַמעריקע, אַז דאָרטן וואַלגערט זיך גאָלד אויף די גאַסן.
9. אין אַמעריקע האָט דער זיידע געהאַט אַ ברודער.
10. ניין. דעמאָלט האָט מען נאָך ניט געדאַרפֿט האָבן קיין וויזעס צו פֿאָרן קיין אַמעריקע.
11. די קאָמיטעטן האָבן געהאָלפֿן די עמיגראַנטן קומען קיין אַמעריקע.
12. ער איז אַרויפֿגעגאַנגען אויף דער שיף אין האַמבורג.
13. ניין. די באָבע רבֿקה איז פֿון אַ שטעטל לעבן וואַרשע.
14. זיי האָבן זיך באַקענט אויף דער שיף.
15. זיי האָבן חתונה געהאַט אין אַמעריקע.
16. דער ברודער איז געווען אַ שנײַדער אין אַ שוויצשאַפּ.
17. דער זיידע האָט אָנגעהויבן אַרבעטן.
18. נאָך דעם איז ער געוואָרן אַ פּעדלער.
19. ווען דער זיידע האָט געהאַט גענוג געלט צו קויפֿן אַ קראָם, איז דאָס לעבן שוין געוואָרן ניט אַזוי שווער.

### p. 124 A

לערנען זיך ייִדיש

איך לערן זיך ייִדיש
דו לערנסט זיך ייִדיש
ער/זי לערנט זיך ייִדיש
מיר לערנען זיך ייִדיש
איר לערנט זיך ייִדיש
זיי לערנען זיך ייִדיש

איך האָב זיך געלערנט ייִדיש
דו האָסט זיך געלערנט ייִדיש
ער/זי האָט זיך געלערנט ייִדיש
מיר האָבן זיך געלערנט ייִדיש
איר האָט זיך געלערנט ייִדיש
זיי האָבן זיך געלערנט ייִדיש

לערן זיך ייִדיש!
לערנט זיך ייִדיש!

באַקענען זיך מיט רבֿקהן

איך באַקען זיך מיט רבֿקהן
דו באַקענסט זיך מיט רבֿקהן
ער/זי באַקענט זיך מיט רבֿקהן
מיר באַקענען זיך מיט רבֿקהן
איר באַקענט זיך מיט רבֿקהן
זיי באַקענען זיך מיט רבֿקהן

איך האָב זיך באַקענט מיט רבֿקהן
דו האָסט זיך באַקענט מיט רבֿקהן
ער/זי האָט זיך באַקענט מיט רבֿקהן
מיר האָבן זיך באַקענט מיט רבֿקהן
איר האָט זיך באַקענט מיט רבֿקהן
זיי האָבן זיך באַקענט מיט רבֿקהן

באַקען זיך מיט רבֿקהן!
באַקענט זיך מיט רבֿקהן!

אַרויפֿאַרבעטן זיך

איך אַרבעט זיך אַרויף
דו אַרבעטסט זיך אַרויף
ער/זי אַרבעט זיך אַרויף
מיר אַרבעטן זיך אַרויף
איר אַרבעט זיך אַרויף
זיי אַרבעטן זיך אַרויף

איך האָב זיך אַרויפֿגעאַרבעט
דו האָסט זיך אַרויפֿגעאַרבעט
ער/זי האָט זיך אַרויפֿגעאַרבעט
מיר האָבן זיך אַרויפֿגעאַרבעט
איר האָט זיך אַרויפֿגעאַרבעט
זיי האָבן זיך אַרויפֿגעאַרבעט

אַרבעט זיך אַרויף!
אַרבעט זיך אַרויף!

p. 124 B

1. ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל גיין מיט מיר, וואַרט איך אויף אים.
2. דער טאַטע איז דעמאָלט געווען זייער אָרעם, איז ער געוואָרן אַ שנײַדער.
3. איך בין דאָ קיין מאָל ניט געווען, ווייס איך ניט וואָס מען דאַרף טאָן.
4. די ייִנגלעך זײַנען געוואָרן זייער פֿריילעך, האָבן זיי אָנגעהויבן צו זינגען.
5. ער איז אַ גוטער חבֿר, קומט ער צו אונדז אָפֿט צו גאַסט.
6. ער האָט שוין אַ ביסל געלט, וויל ער קויפֿן אַ קראָם.
7. מיר האָבן שוין אַלץ געזען, טאָ לאָמיר גיין אַהיים.
8. איר האָט געגעבן דעם קינד גוטע זאַכן, לאַכט עס.
9. דו האָסט דאָך צײַט, טאָ פֿאָר מיט דער שיף.

10. נעכטן איז געגאַנגען אַ שניי, איז זייער קאַלט.
11. ער האָט געבעטן, האָבן מיר אים געהאָלפֿן.
12. אַ מאָל איז געווען אַ מלך, האָט ער געהאַט דרייַ זין.
13. זיי זייַנען זייער אָרעם, קלעקט ניט דאָס געלט וואָס זיי פֿאַרדינען.
14. דו האָסט שוין געענדיקט, טאָ וואָס וועסטו טאָן?
15. ער האָט דיך עפּעס געפֿרעגט, האָסטו אים געענטפֿערט?

### p. 125 C

1. אַן אַלטער
2. אַ גרויסע
3. אַ ברוינער
4. נייַע
5. אַ קליינס
6. אַ פֿרומער
7. אַ שיינס
8. אַ רייַכס
9. אַ פֿריילעכער
10. שלעכטע

### p. 125 D

1. איצט איז מיר וואַרעם. / מיר איז איצט וואַרעם.
2. די ייִנגלעך זאָגן, אַז עס איז קאַלט.
3. דודן איז גוט.
4. דוד איז גוט / אַ גוטער.
5. דער טאָג איז וואַרעם. / דער טאָג איז אַ וואַרעמער.
6. דער צימער איז וואַרעם און די קינדער איז וואַרעם.
7. מיר איז פֿריילעך, ווייַל עס איז אַזאַ פֿריילעכער יום-טובֿ.
8. דעם מיידל איז שלעכט.

### p. 125 E

1. מיר זייַנען אַלע געווען שנייַדערס אין אַ קליין שטעטל.
2. ווען מיר זייַנען געקומען קיין אַמעריקע, זייַנען מיר געווען אָרעם.
3. האָבן מיר אָנגעהויבן (צו) אַרבעטן.
4. דעמאָלט זייַנען דער פֿעטער און די מומע אויך געקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.
5. מיר האָבן זיי געשיקט געלט, זייַנען זיי באַלד געקומען.
6. די צייַטן זייַנען געווען זייער שלעכטע.
7. ווען מענטשן האָבן שוין ניט געקענט קומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, זייַנען זיי געפֿאָרן קיין קאַנאַדע און קיין מעקסיקע.
8. אַ סך מענטשן זייַנען געבליבן אין אייראָפּע.
9. אויף וועמען וואַרטסטו?
10. איך וואַרט אויף רבֿקהן.
11. זי איז שוין געקומען.
12. רחל, צי האָסטו זיך באַקענט מיט חבֿר קופּערמאַנען?
13. ניין, איך האָב אים געזען, אָבער איך האָב ניט געוווּסט ווי ער הייסט.
14. חבֿר קופּערמאַן, באַקענט זיך מיט מייַן חבֿרטע רחלען.
15. וואָס מאַכסטו, רחל?

16. זייער אָנגעלייגט, חבֿר קופּערמאַן.

p. 125 F

## ייִדישע פּעדלערס אין אַמעריקע

1. אַ סך ייִדישע אימיגראַנטן זייַנען געוואָרן פּעדלערס ווען זיי זייַנען געקומען קיין אַמעריקע.
2. אַ סך אַמעריקאַנער פּעדלערס זייַנען געווען ייִדן.
3. זיי זייַנען געווען זייער וויכטיק אין די טעג פֿון די פּיאָנירן.
4. די פּעדלערס זייַנען נאָכגעגאַנגען די פּיאָנירן און האָבן זיי פֿאַרקויפֿט אַלץ וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט.
5. אַ סך ביכער דערציילן אונדז, אַז די פּיאָנירן האָבן געקויפֿט זאַכן פֿון ייִדישע פּעדלערס ווען עס זייַנען נאָך ניט געווען קיין שטעטלעך און קיין קראָמען.
6. אָפֿט האָבן ייִדן געהאַט די ערשטע קראָמען אין אַ שטאָט אָדער אין אַ שטעטל.
7. אַ סך ייִדישע פּעדלערס האָבן געקויפֿט קראָמען ווען זיי האָבן זיך אַ ביסל אַרויפֿגעאַרבעט.
8. אין גרויסע פֿאָרטשטעט זייַנען געווען אַ סך ייִדישע הורטהענדלערס.
9. פֿריִער האָבן זיי געהאַנדלט מיט אַנדערע לענדער.
10. נאָך דעם זייַנען געווען אַ סך נייַע קראָמען אין די נייַע שטעט פֿון דעם לאַנד; האָבן אַ סך פֿון די הורטהענדלערס אָנגעהויבן צו האַנדלען דאָ אין לאַנד.
11. אַ סך גרויסע שטעט, ווי סיינט-לויִס, ניו-אָרלינס, סינסינאַטי, לויִוויל און שיקאַגאָ זייַנען געוואָרן ייִדישע צענטערס.
12. די אַמעריקאַנער ליטעראַטור וואָס שרייַבט וועגן די פּיאָנירן שרייַבט אויך וועגן ייִדישע פּעדלערס און ווי וויכטיק זיי זייַנען געווען.
13. זיי האָבן אָפֿט פֿאַרבונדן די פּיאָנירן מיט דער גרויסער וועלט.
14. נאָך דעם, ווען מע האָט שוין געבויט גרויסע באַנען, האָט מען ניט געדאַרפֿט דעם פּעדלער אַזוי שטאַרק.
15. איצט ווייסן מיר ווי וויכטיק פּעדלערס זייַנען געווען אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע.
16. פֿאַר ייִדישע אימיגראַנטן זייַנען געקומען בעסערע צייַטן, ווייַל זיי האָבן זיך דאָ אין לאַנד שוין אַ ביסל אַרויפֿגעאַרבעט.

## פֿערצנטע לעקציע Lesson 14

### Questions, p. 130

1. דער בריוו איז צו משהן.
2. דעם בריוו האָט געשריבן דער פֿעטער שמואל.
3. דער פֿעטער שמואל איז איצט אין דײַטשלאַנד.
4. זײַן פֿרוי און זײַן ברודער אַבֿרהם זײַנען מיט אים.
5. ער האָט אַ שוועסטער אין ארץ-ישׂראל. / אין ארץ-ישׂראל האָט ער אַ שוועסטער.
6. איצט לאָזט מען אַהין ניט פֿאָרן.
7. ער איז אויף דער פּוילישער קוואָטע און דאַרף וואַרטן אויף אַ וויזע אַ סך יאָרן.
8. ניין, עס געפֿעלט אים ניט צו זײַן אין דײַטשלאַנד.
9. ווײַל ער וויל ניט ווינען צווישן מענטשן וואָס האָבן געהאָלפֿן אומברענגען ייִדן.
10. ער איז אַנטלאָפֿן פֿון קאָנצענטראַציע-לאַגער און האָט זיך באַהאַלטן אין וואַלד.
11. זיי האָבן זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר קריסטן און זיך באַהאַלטן אין דעם ניט-ייִדישן טייל שטאָט.
12. צווישן קריסטן האָבן זיי געאַרבעט ווי דינסטן.
13. ניין, קיינער האָט ניט געוווּסט, אַז זיי זײַנען ייִדישע פֿרויען.
14. ניין, עס זײַנען ניטאָ קיין סך ייִדישע משפּחות ווו אַלע זײַנען געבליבן לעבן.
15. ער בעט, מען זאָל זיי שיקן ייִדישע ביכער, זשורנאַלן און צײַטונגען.

### p. 133 A

1. איר ... איר
2. מײַן
3. זײַנע
4. וועמענס
5. דײַן
6. זייערע
7. איר
8. מײַן
9. זײַן
10. אײַערע
11. אונדזער
12. זײַן
13. מײַן
14. אײַער
15. אונדזער

### p. 133 B

1. דאָס בוך איז מײַנס.
2. דער טיש איז זייערער.
3. די העפֿט איז זײַנע.
4. דאָס לאַנד איז אונדזערס.
5. די פֿעדער איז דײַנע.
6. די קינדער זײַנען אירע.
7. דאָס הויז איז אײַערס.
8. דער צימער איז זײַנער.

9. דאָס געלט איז דײַנס.
10. דער קלוב איז אונדזערער.

p. 133 C

1. חיימס
2. טאַטנס
3. דעם אַלטן ייִדנס
4. ה׳ קאַפּלאַנאָוויטשעס
5. דער באָבעס
6. רחלס
7. דעם מענטשנס
8. זיידנס
9. ווײַנשטיינס
10. אַנטיוכוסעס

p. 133 D

(a

1. מאָנטרעאָלער ייִדן קענען גוט ייִדיש.
2. די דעטרויטער פֿרוי איז געקומען קיין ניו-יאָרק.
3. זי האָט זיך געלערנט אין אַ לאָס-אַנדזשעלעסער אוניווערסיטעט.
4. עס געפֿעלט מיר צו שפּאַצירן אויף די לאָנדאָנער גאַסן.
5. זי האָט שוין געקראָגן דעם פּאַריזער זשורנאַל.
6. די קאַנאַדער ווינטערן זײַנען זייער קאַלטע.

(b

1. זי לערנט זיך אַמעריקאַנער ליטעראַטור.
2. ער פּראַוועט אַלע מעקסיקאַנער יום-טובֿים.
3. ניט אין אַלע אַפֿריקאַנער לענדער איז הייס אַלע טאָג אין יאָר.

p. 134 E

1. וואַנען
2. ווו
3. דאָ
4. אַהער
5. אַהין
6. אַהין
7. דאָרטן
8. אַהין
9. דאָרטן
10. אַהער ... דאַנען
11. ווּהין
12. וואַנען
13. דאָרטן
14. דאָ
15. דאַנען

1. מיר האָפֿן אויף אַ וואַרעמען טאָג.
2. הייַנט האָב איך פֿון קיינעם ניט געקראָגן קיין בריוו.
3. מיר האָפֿן, אַז אַבֿרהם וועט ניט אַוועקפֿאָרן ביז מיר וועלן קענען (מיטפֿאָרן) מיט אים (מיטפֿאָרן).*
4. דערווייַל מוזן מיר דאָ וווינען / וווינען דאָ.
5. מיר האָבן געקראָגן טייל געלט, אָבער ניט אַלץ. / טייל געלט האָבן מיר געקראָגן, אָבער ניט אַלץ.
6. די מענער מוזן בלייַבן דאָ און די פֿרויען מוזן גיין אַהין.
7. עס איז ניט ווייַט פֿון דאַנען.
8. מיר זייַנען צופֿרידן, אַז קיינער איז ניט געקומען.
9. פֿאַר וואָס באַהאַלט זיך דאָס קינד פֿון אונדז ?
10. אַלע מאָל באַהאַלט זיך דאָס קינד אָדער אַנטלויפֿט. / דאָס קינד באַהאַלט זיך אַלע מאָל אָדער אַנטלויפֿט.
11. אַ דאַנק פֿאַר דער מתּנה.
12. רבֿקה, אסתּר און זייערע מאַנען זייַנען נעכטן געקומען צו אונדז צו גאַסט.
13. ווען האָט מען געדרוקט די צייַטונג?
14. די צרה איז וואָס די קינדער שלאָגן זיך אַלע מאָל.
15. צי איז דאָס דער סוף פֿונעם וועג?
16. איך האָב פֿאַרגעסן דעם וועג פֿון דאַנען.
17. צווישן אונדז בין איך צופֿרידן, אַז זיי קומען אַהער.
18. איך האָב זיי געזען איין מאָל מיט דרייַ יאָר צוריק.
19. מיר האָבן באַקומען אייַערע מתּנות פֿאַר דער צייַט.
20. זיי זייַנען מיר זייער געפֿעלן. / מיר זייַנען זיי זייער געפֿעלן.

---

* מיטפֿאָרן can go in either position, but not both.

## פֿופֿצנטע לעקציע Lesson 15

### Questions, p. 139

1. מען רופֿט ייִדן „דאָס פֿאָלק פֿון בוך״ ווײַל ייִדן האָבן געברענגט דער וועלט דעם תּנך.
2. די נבֿואה איז פֿון ישעיה.
3. די ברידער זײַנען געווען בעל-מלאָכות.
4. זיי האָבן געקויפֿט אַ הויז.
5. די קריסטן האָבן געזאָגט, אַז ייִדן נעמען ווידער זייערע זאַכן.
6. זיי האָבן אונטערגעוואָרפֿן לעבן הויז פֿון די ברידער אַ טויטן כּדי נקמה צו נעמען אין זיי.
7. מען האָט די ברידער אײַנגעזעצט אין תּפֿיסה.
8. מען האָט זיי פֿאַרמישפּט צום טויט.
9. איינעם פֿון די ברידער האָט זיך געחלומט, אַז אליהו-הנבֿיא קומט צו אים.
10. אליהו-הנבֿיא האָט געזאָגט, אַז ער זאָל ניט פֿאַרלירן דעם בטחון.
11. דער מלך און דאָס גאַנצע פֿאָלק זײַנען געקומען זען די עקזעקוציע.
12. פּלוצלינג האָט זיך דורכגעריסן אַן אַלטער מאַן מיט אַ שווערד אין דער האַנט.
13. דער אַלטער מאַן האָט אויסגעשריגן, אַז די צוויי ברידער זײַנען אומשולדיק און האָט אָנגעוויזן אויף די זעקס מענטשן וואָס האָבן אונטערגעוואָרפֿן דעם טויטן.
14. דער מלך האָט באַפֿרײַט די ברידער.
15. די ברידער האָבן געדאַנקט גאָט וואָס ער האָט זיי געשיקט אליהו-הנבֿיא און האָבן געשאָנקען אַ סך געלט פֿאַר אָרעמע.

### p. 141 A

איך וועל באַפֿרײַען
דו וועסט באַפֿרײַען
ער/זי וועט באַפֿרײַען
מיר וועלן באַפֿרײַען
איר וועט באַפֿרײַען
זיי וועלן באַפֿרײַען

איך וועל מישפּטן
דו וועסט מישפּטן
ער/זי וועט מישפּטן
מיר וועלן מישפּטן
איר וועט מישפּטן
זיי וועלן מישפּטן

איך וועל אַוועקפֿאָרן
דו וועסט אַוועקפֿאָרן
ער/זי וועט אַוועקפֿאָרן
מיר וועלן אַוועקפֿאָרן
איר וועט אַוועקפֿאָרן
זיי וועלן אַוועקפֿאָרן

איך וועל זיך באַהאַלטן
דו וועסט זיך באַהאַלטן
ער/זי וועט זיך באַהאַלטן

מיר װעלן זיך באַהאַלטן
איר װעט זיך באַהאַלטן
זיי װעלן זיך באַהאַלטן

p. 141 B

1. װעט
2. װעל
3. װעט ... װעט
4. װעלן
5. װעלן
6. װעסטו
7. װעט
8. װעט
9. װעט
10. װעט

p. 141 C

אין דער נבֿואה דערציילט מען װעגן דעם סוף פֿון די טעג, װען עס װעט קומען שלום אויף דער װעלט. אַלע פֿעלקער װעלן קומען צו דעם ייִדישן גאָט צום באַרג ציון אין ירושלים. מען װעט אויפֿהערן צו פֿירן מלחמות. מענטשן װעלן שמידן געװער אויף אַקער-אײַזנס צו באַאַרבעטן די ערד.

p. 141 D

1. איך פֿאַרשטיי ייִדיש, אָבער מײַן חבֿר ניט.
2. ער קען פֿירן אַן אויטאָ. און זײַן פֿרוי?
3. איך װעל דיר העלפֿן און מײַן מאַן אויך.
4. צי זאָל איך בעטן די מאַמע, זי זאָל מיר געבן דאָס בוך? ניין.
5. אַלע קומען צו אונדז צו גאַסט. און יצחק אויך?
6. זײַ אַזוי גוט, װײַז מיר דײַן צימער. ניין!
7. אַ מאָל שפּיל איך פֿוסבאָל און אַ מאָל ניט.
8. צי איז פֿילאַדעלפֿיע װײַט פֿון ניו-יאָרק? ניין.
9. איך האָב ניט גענומען דײַן בוך, אָבער אפֿשר מײַן שװעסטער יאָ.
10. נעכטן איז חיים געװען בײַ דיר אין דער היים, אָבער מאָרגן װעט ער דאָרטן ניט זײַן.
11. צי ביסטו געװען אין דער היים װען איך האָב דיך גערופֿן? יאָ.
12. אַזעלכע זאַכן דאַרף מען ניט קויפֿן, אָבער מען קויפֿט זיי סײַ װי סײַ.
13. נעכטן איז דאָס קינד געװען זייער רויִק, אָבער איצט ניט.
14. ער װיל קומען צו דיר צו גאַסט. טאַקע?
15. איך זע, אַז דיר געפֿעלן אַזעלכע מעשׂיות. מיר אויך.
16. יעקבֿ האָט מיר הײַנט געשאָנקען אַ מתּנה, אָבער די אַנדערע ניט.
17. איך האָב ניט געקענט שלאָפֿן בײַ נאַכט, און דוד אויך ניט.
18. מײַן טאָכטער רבֿקה װיל זיצן בײַם טיש און מײַן קליינער זון אויך.
19. פּלוצלינג האָב איך אַלץ פֿאַרשטאַנען, אָבער די קינדער ניט.
20. פֿאַר װאָס איז אײַער האַנט אַזוי װײַס? איך װייס ניט.
21. די מענטשן האָבן דאָרט געמאַכט אַ גרויסן טומל, װי אַלע מאָל.
22. ער האָט שיינע ברוינע אויגן, אָבער זײַן ברודער ניט.
23. צי ניצט איר אַ מאָל אַזעלכע שטאַרקע װערטער? ניין, קיין מאָל ניט.
24. דער װעג אַהער איז געװען זייער לאַנג, אָבער מיר זײַנען שוין נאָענט צו דער שטאָט.

25. די בערג געפֿעלן מיר. ווּעמען ניט?

## p. 142 E

מיר האָט זיך געחלומט
דיר האָט זיך געחלומט
אים/איר האָט זיך געחלומט
אונדז האָט זיך געחלומט
אײַך האָט זיך געחלומט
זיי האָט זיך געחלומט

## p. 142 F

1. איך הער וועגן אײַך אַ סך גוטע זאַכן.
2. ווּ ווינט איר?
3. מײַן ברודער גייט שוין צוויי יאָר אין שול אין ניו-יאָרק.
4. צי איז אײַער זיידע זייער אַ לאַנגע צײַט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן ?
5. יאָ, ער איז שוין דאָ אַ לאַנגע צײַט.
6. איך קריג די צײַטונג אַלע טאָג.
7. איך קויף אין דער קראָם.
8. איך שלאָף ניט גענוג.
9. ווי לאַנג שטייט שוין דער טיש אין צימער?
10. איך וואַרף אַרויס אַלע אַלטע זשורנאַלן.

## p. 142 G

חיים: טאַטע, אונדזער לערער האָט אונדז הײַנט געזאָגט, אַז מענטשן שטאַמען פֿון מאַלפּעס.
טאַטע: טאַקע? עס קען זײַן, אַז דו, אָבער איך ניט.

## p. 142 H

### רחלס בריוו

די מאַמע: רחל, וואָס טוסטו?
רחל: איך שרײַב מײַן חבֿר(טע) אַ בריוו.
די מאַמע: איך האָב ניט געוווּסט, אַז דו קענסט שרײַבן!
רחל: איך קען ניט שרײַבן, אָבער מײַן חבֿר(טע) קען סײַ ווי סײַ ניט לייענען.

# זעכצנטע לעקציע Lesson 16

## Questions, pp. 148-149

1. דער בחור האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט ניט וויסן וועגן וואָס צו רעדן ווען ער וועט קומען צו דער כּלה צו גאַסט.
2. דער טאַטע האָט אים געגעבן אַן עצה, אַז ער זאָל אָנהייבן רעדן וועגן ליבע, נאָך דעם וועגן משפּחה, און צום סוף וועגן פֿילאָסאָפֿיע.
3. אַלע זייַנען געזעסן צוזאַמען בייַם טיש. נאָך דעם איז געבליבן דער בחור מיט דער כּלה אַליין.
4. וועגן ליבע האָט ער געפֿרעגט, צי זי האָט ליב לאָקשן.
5. ער האָט זי געפֿרעגט, צי זי האָט אַ ברודער.
6. ער האָט געפֿרעגט, אויב זי וואָלט געהאַט אַ ברודער, צי ער וואָלט ליב געהאַט לאָקשן.
7. צוויי מענטשן האָבן זיך דערטרונקען אין טייַך.
8. די כעלעמער ייִדן האָבן באַשלאָסן, אַז קיינער טאָר ניט אַרייַנגיין אין וואַסער אויב ער קען ניט פֿריִער שווימען.
9. זי האָט געקויפֿט אַ הערינג און אַ לעבל ברויט.
10. יעדער זאַך האָט געקאָסט זיבן גראָשן.
11. צוזאַמען האָט אַלץ געקאָסט פֿערצן גראָשן.
12. זי האָט געמיינט, אַז זיבן מיט זיבן איז עלף.
13. זי האָט געהאַט פֿיר קינדער מיט איר ערשטן מאַן. איר צווייטער מאַן האָט געהאַט פֿיר קינדער פֿון זייַן ערשטער פֿרוי. נאָך דעם האָבן זי און איר צווייטער מאַן געהאַט דרייַ קינדער צוזאַמען. האָט זי גערעכנט, אַז יעדער פֿון זיי האָט זיבן קינדער און אַז צוזאַמען האָבן זיי עלף.
14. עס איז בעסער ניט צו טאָן אַ זאַך פֿאַר דער ריכטיקער צייַט.

## p. 151 A

ליב האָבן די שול

איך האָב ליב געהאַט די שול
דו האָסט ליב געהאַט די שול
ער/זי האָט ליב געהאַט די שול
מיר האָבן ליב געהאַט די שול
איר האָט ליב געהאַט די שול
זיי האָבן ליב געהאַט די שול

איך וועל ליב האָבן די שול
דו וועסט ליב האָבן די שול
ער/זי וועט ליב האָבן די שול
מיר וועלן ליב האָבן די שול
איר וועט ליב האָבן די שול
זיי וועלן ליב האָבן די שול

האָב ליב די שול!
האָט ליב די שול!

רחמנות האָבן אויפֿן קינד

איך האָב רחמנות געהאַט אויפֿן קינד
דו האָסט רחמנות געהאַט אויפֿן קינד
ער/זי האָט רחמנות געהאַט אויפֿן קינד
מיר האָבן רחמנות געהאַט אויפֿן קינד
איר האָט רחמנות געהאַט אויפֿן קינד
זיי האָבן רחמנות געהאַט אויפֿן קינד

איך וועל רחמנות האָבן אויפֿן קינד
דו וועסט רחמנות האָבן אויפֿן קינד
ער/זי וועט רחמנות האָבן אויפֿן קינד
מיר וועלן רחמנות האָבן אויפֿן קינד
איר וועט רחמנות האָבן אויפֿן קינד
זיי וועלן רחמנות האָבן אויפֿן קינד

האָב רחמנות אויפֿן קינד!
האָט רחמנות אויפֿן קינד!

מורא האָבן

איך האָב מורא געהאַט
דו האָסט מורא געהאַט
ער/זי האָט מורא געהאַט
מיר האָבן מורא געהאַט
איר האָט מורא געהאַט
זיי האָבן מורא געהאַט

איך וועל מורא האָבן
דו וועסט מורא האָבן
ער/זי וועט מורא האָבן
מיר וועלן מורא האָבן
איר וועט מורא האָבן
זיי וועלן מורא האָבן

האָב מורא!
האָט מורא!

p. 151 B
רחל מיינט, אַז זי פֿאַרשטייט גוט די לעקציע.
ער האָט געמיינט, אַז קיינער וועט אים שוין ניט ראַטעווען.
אַלע מאַמעס מיינען, אַז זייערע קינדער זײַנען קלוג.
מיר מיינען, אַז מען דאַרף זי מישפּטן.

ייִדן גלייבן אין איין גאָט.
מען טאָר ניט גלייבן אַלץ וואָס מען הערט.
איך גלייב אים ניט, ווײַל ער זאָגט אָפֿט אַ ליגן.
איך קען ניט גלייבן (דאָס) וואָס דו דערציילסט מיר וועגן אסתּרן.

p. 151 C

צוויי פּלוס פֿערצן איז זעכצן.
צוויי מאָל פֿיר איז אַכט.
צוועלף געטיילט אויף זעקס איז צוויי.
צוועלף געטיילט אויף צוויי איז זעקס.

אַכט פּלוס זיבן איז פֿופֿצן.
דרײַ מאָל פֿינף איז פֿופֿצן.
צוועלף מינוס פֿיר איז אַכט.
פֿיר פּלוס דרײַ איז זיבן.

צען פּלוס איינס איז עלף.
זעכצן געטיילט אויף פֿיר איז פֿיר.
צוויי מאָל נײַן איז אַכצן.
פֿערצן געטיילט אויף זיבן איז צוויי.

נײַנצן מינוס זיבעצן איז צוויי.
אַכט מינוס איינס איז זיבן.
צען מאָל צוויי איז צוואַנציק.
נײַן געטיילט אויף נײַן איז איינס.

p. 152 D

1. יעדער
2. יעדערער
3. יעדערער
4. יעדער
5. יעדערן
6. יעדער
7. יעדער
8. יעדער
9. יעדער ... יעדער
10. יעדערן ... יעדערער

p. 152 E

1. איך געדענק קיין מאָל ניט וואָס עס חלומט זיך מיר.
2. דערצייל מיר ווער עס איז געווען בײַ דיר.
3. ער האָט מיר געזאָגט וואָס ער רעכנט.
4. ענטפֿער מיר ווער עס זײַנען די בחורים.
5. חיים פֿרעגט ווער עס האָט ניט ליב קיין ברויט.
6. איך זע ניט ווער עס קען אים העלפֿן.
7. די קינדער הערן ניט וואָס איר זאָגט זיי.
8. איך האָב פֿאַרגעסן ווער עס האָט געשריבן דאָס בוך.
9. קיינער פֿאַרשטייט ניט ווער עס האָט געקענט טאָן אַזאַ זאַך.
10. איך בין געזעסן און האָב געקוקט וואָס עס וועט געשען.

1. וויפֿל קאָסטן די ביכער?
2. יעדער בוך קאָסט דרייַ דאָלאַר.
3. איך גלייב עס ניט.
4. איך האָב מורא, אַז זיי קאָסטן אַ סך געלט.
5. דאָס הייסט, איך האָב ניט אַזוי פֿיל געלט.
6. איך האָב פֿייַנט צו עסן אין דער היים ווען די משפּחה איז דאָרטן ניטאָ.
7. צי האָסטו געהערט, אַז איך וועל חתונה האָבן מיט דעם מיידל?
8. איך האָב זי דאָך ליב.
9. צי איז זי רייַך?
10. ניין, ניט צו רייַך.
11. צי איז זי שיין?
12. נו, זי איז קלוג.
13. ווען אַ נאַר שווייַגט מיינט מען, אַז ער איז קלוג.
14. יעדער נאַר מיינט, אַז ער איז קלוג.
15. אַ נאַר גיט, אַ קלוגער נעמט.
16. אַ נאַר האָט אַ שיינע וועלט.
17. נאַראָנים וואַקסן אָן רעגן.
18. אַ נאַר זאָגט וואָס ער ווייסט, אַ קלוגער ווייסט וואָס ער זאָגט.
19. ווען איז דער בחור געוואָרן אַ חתן?
20. עס דאַכט זיך, אַז חנה וועט באַלד ווערן אַ כּלה.
21. איך האָב רחמנות אויף די אָרעמע מענטשן.
22. גאָט, האָב אויף אונדז רחמנות. / האָב רחמנות אויף אונדז.
23. איך האָב פֿייַנט מענטשן וואָס שרייַען.
24. אָבער איך האָב אויך ניט ליב מענטשן וואָס גיבן יעדערן עצות.
25. דאָס קינד האָט מורא געהאַט, האָט עס זיך באַהאַלטן.
26. די סטודענטן דאַרפֿן ציילן ביז צוואַנציק.
27. ווען עס איז הייס, גייען מיר שווימען אין טייַך.
28. דער טייַך איז טיף.
29. מיר כאַפּן פֿיש אין טייַך.
30. וואָס רעכנט איר?
31. ווען דו וועסט חתונה האָבן, וועל איך דיר שענקען אַ מתּנה.
32. אים איז גוט ווי אַ פֿיש אין וואַסער.

# זיבעצנטע לעקציע Lesson 17

## Questions, p. 158*

1. אין 1939 זײַנען געווען מער ייִדן ווי אין 1840. אין 1939 זײַנען געווען צוועלף מיליאָן צוויי הונדערט אַכט און צוואַנציק טויזנט מער ייִדן אויף דער וועלט ווי אין 1840.
2. מיט הונדערט יאָר צוריק זײַנען געווען ווייניקער ווי צוויי מיליאָן ייִדן אין אַמעריקע.
3. אַן ערך זעקס מיליאָן ייִדן האָט מען אומגעברענגט אין דער צווייטער וועלט-מלחמה.
4. דאָס איז געווען אַן ערך פֿינף און דרײַסיק פּראָצענט פֿון ייִדישן פֿאָלק.
5. הײַנט (אין 1995) וווינען אַן ערך פֿופֿציק פּראָצענט ייִדן אין אַמעריקע.
6. אין 1995 וווינען אַן ערך פֿיר מיליאָן ייִדן אין ישׂראל.
7. מען קען זאָגן, אַז ייִדן זײַנען הײַנט דער עיקר אַן אַמעריקאַנער פֿאָלק ווײַל אַ העלפֿט פֿון אַלע ייִדן וווינען אין אַמעריקע.
8. די טעג פֿון דער וואָך הייסן זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק, פֿרײַטיק און שבת.

## p. 162 A

1. אין די יאָרן 1924-1908 זײַנען געקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן צען מיליאָן זעקס הונדערט זעקס און פֿופֿציק טויזנט זעקס הונדערט דרײַ און זעכציק אימיגראַנטן.
2. פֿון זיי זײַנען איין מיליאָן אַכט טויזנט פֿינף הונדערט זעקס און אַכציק געווען ייִדן.
3. דאָס איז אַן ערך צען פּראָצענט.
4. אין די יאָרן 1943-1933 איז געווען דער גרעסטער פּראָצענט ייִדן צווישן די אימיגראַנטן.
5. ווײַל דעמאָלט איז געווען די ערשטע וועלט-מלחמה.
6. ווײַל דעמאָלט זײַנען געווען די היטלער-יאָרן.
7. אין 1995 זײַנען געקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַן ערך הונדערט צען טויזנט אימיגראַנטן.
8. מען שאַצט, אַז צווישן זיי זײַנען געווען אַן ערך צוויי און צוואַנציק טויזנט ייִדן.

## p. 162 B

1. זונטיק ... מאָנטיק ... מיטוואָך ... דאָנערשטיק
2. פֿרײַטיק ... שבת
3. זעקס אַ זייגער
4. צוואַנציק מינוט צו פֿיר
5. זיבן אַ זייגער
6. צוואַנציק נאָך צוויי נאָך מיטאָג

## p. 163 C

1. צוואַנציק נאָך אַכט
2. בײַ טאָג ... בײַ נאַכט
3. לויפֿט
4. קריכט ... לויפֿט

## p. 163 D

דרײַ הונדערט פֿינף און זעכציק און הונדערט איז גלײַך פֿיר הונדערט פֿינף און זעכציק.
צוויי הונדערט זעכצן געטיילט אויף אַכצן איז גלײַך צוועלף.
פֿיר הונדערט דרײַ און צוואַנציק מאָל אַכט הונדערט דרײַ איז גלײַך דרײַ הונדערט נײַן און דרײַסיק טויזנט זעקס

---

*These questions and those in exercise A are based on the revised information in the sixth revised edition of 1999.

הונדערט נײַן און זעכציק.

אַכט הונדערט זיבן און זיבעציק מינוס דרײַ הונדערט נײַן און אַכציק איז גלײַך פֿיר הונדערט אַכט און אַכציק.
נײַן און זעכציק מינוס זעקס און פֿערציק איז גלײַך דרײַ און צוואַנציק.
פֿערצן מינוס פֿערצן איז נול.

הונדערט מאָל צען איז גלײַך טויזנט.
דרײַצן טויזנט צוויי מינוס נײַן טויזנט אַכט הונדערט צוויי און פֿופֿציק איז גלײַך דרײַ טויזנט הונדערט פֿופֿציק.
עלף הונדערט מאָל נול איז נול.

p. 163 E

1. אַ יאָר האָט דרײַ הונדערט פֿינף און זעכציק טעג.
2. אויב מיר װעלן אַװעק פֿון דאַנען מיט דער באַן אַ פֿערטל צו זעקס װעלן מיר אַהיים קומען פֿאַר צװעלף בײַ נאַכט.
3. אָבער עס זעט אויס, אַז עס איז ניטאָ קיין באַן אַ פֿערטל צו זעקס.
4. איר װעט מוזן װאַרטן צוויי שעה, װײַל די באַן פֿאָרט אָפּ זיבן אַכט און פֿערציק.
5. יעדער / אַלע טאָג עס איך האַלב אַכט / האַלב נאָך זיבן.
6. פֿינף מינוט נאָך אַכט גיי איך אין שול און איך בלײַב דאָרטן זעקס אָדער זיבן שעה.
7. אַ מאָל מוז איך בלײַבן בלויז דרײַ שעה.
8. אין אָװנט לערן איך זיך אָפֿט מאָל צוויי שעה.
9. איך ענדיק אַרבעטן אַרום צען אַ זייגער.
10. אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן זײַנען דאָ איבער צוויי הונדערט מיליאָן מענטשן.
11. ער האָט מיר געגעבן הונדערט דאָלאַר צו קויפֿן אים נײַע טײלן פֿאַר זײַן אַלטן אויטאָ.
12. מען האָט שוין גערעדט ייִדיש מיט טויזנט יאָר צוריק.
13. איך װיל, איר זאָלט דאָנערשטיק װידער קומען צו אונדז צו גאַסט.
14. זײַ / זײַט אַזוי גוט, קום / קומט האַלב נײַן און קום/קומט בײַ צײַטנס.
15. איר קענט  / דו קענסט אַפֿילו קומען אַכט אַ זייגער.
16. אפֿשר װעל איך ברענגען מײַן פֿרוי און מײַנע קינדער, אַפֿילו אויב עס איז פֿרײַטיק צו נאַכטס.
17. מאָנטיק מוז איך גיין צו דער אַרבעט צװאַנציק צו אַכט, און די קינדער מוזן גיין אין שול צװאַנציק נאָך אַכט.
18. טרעף / טרעפֿט װי אַלט איך בין.
19. איך מיין, אַז פֿיר און צװאַנציק יאָר אַלט.
20. ניין, דו האָסט / איר האָט ניט געטראָפֿן. איך בין בלויז צוויי און צװאַנציק.
21. װי אַלט איז געװען אײַער / דײַן טאַטע װען ער איז געקומען קיין אַמעריקע?
22. ער איז געװען צװישן דרײַסיק און פֿערציק.
23. אָבער מײַן מאַמע איז געקומען קיין אַמעריקע װען זי איז געװען דרײַ יאָר אַלט.
24. דאָס קינד װיינט שוין צוויי שעה.
25. װיפֿל איז איצט דער זייגער? איך װייס ניט. מײַן זייגער שטייט.
26. איך מיין, אַז עס איז זיבעצן מינוט נאָך דרײַ, אָבער אפֿשר קריכט מײַן זייגער.
27. איך האָב מורא, אַז מײַן זייגער לויפֿט אַ ביסל.
28. דער גרויסער זייגער װײַזט אַכצן מינוט נאָך דרײַ, בעת מײַן זייגער װײַזט שוין זעקס און צװאַנציק מינוט נאָך דרײַ.
29. מיט פֿיר טעג צוריק איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין װאַסער און איך פֿאַרשטיי ניט פֿאַר װאָס ער גייט נאָך.
30. אַ זייגער װאָס שטייט איז בעסער װי אַ זייגער װאָס גייט שלעכט; װײַל אַפֿילו אַ זייגער װאָס שטייט װײַזט די ריכטיקע שעה צוויי מאָל אַ טאָג.
31. איך האָב נעכטן געשריבן (צו) מײַן שװעסטער; אפֿשר װעט זי קריגן / באַקומען מײַן בריװ מאָרגן אָדער איבער מאָרגן.

32. איך קען צו דיר ניט רעדן ווען איך לייען.

# אַכצנטע לעקציע Lesson 18

## p. 168 A

1. מײַן פֿעטער און מומע קומען מיט דער באַן אַכט און צוואַנציק מינוט פֿאַר פֿינף נאָך מיטאָג.
2. זיי זײַנען געווען אין קאַנאַדע און אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און איצט פֿאָרן זיי קיין מעקסיקע.
3. איך וויל זײַן בײַ צײַטנס און זיי זען ווען זיי וועלן קומען.
4. אויב עס וועט גיין אַ רעגן וועלן זיי ניט זען קיין סך אין דער שטאָט.
5. זיי וועלן פֿאַרלירן צו פֿיל צײַט אויב איך וועל זיי אַליין ניט ווײַזן די שטאָט.
6. בעת זיי וועלן דאָ זײַן דאַרפֿן זיי וווינען בײַ אונדז אין הויז, דאָס הייסט בײַ מײַן טאַטן אין הויז.
7. איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ יאָר צוריק. / מיט אַ יאָר צוריק האָב איך חתונה געהאַט.
8. איך האָב מורא, אַז איך וועל זיי ניט קענען געבן זייער אַ סך צײַט.
9. איך קען זײַן מיט זיי צוויי שעה מאָרגן, דאָס הייסט שבת, און דרײַ אָדער פֿיר שעה איבער מאָרגן. / מאָרגן, דאָס הייסט שבת, קען איך זײַן מיט זיי צוויי שעה, און איבער מאָרגן דרײַ אָדער פֿיר שעה.
10. איך האָב פֿײַנט צו נעמען מענטשן אַהין.
11. איך האָב געהאָפֿט, אַז מײַן ברודער וועט רחמנות האָבן אויף מיר און מיר העלפֿן, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין רחמנות אויף מיר.
12. ער האָט מיר געגעבן אַ עצה צו בעטן די מומע און דעם פֿעטער, זיי זאָלן קומען אַהיים.
13. איך האָב געזאָגט: „אַ דאַנק, אָבער איך האָב גענוג עצות״.
14. עס דאָכט זיך, אַז שבת בײַ נאַכט וועלן זיי דאַרפֿן בלײַבן אין דער היים.
15. וואָס איז?
16. איך האָב פּלוצלינג פֿאַרגעסן ווי זי הייסט.
17. פֿון איצט אָן זײַ / זײַט אַזוי גוט און וואַרט ביזן סוף.
18. איך פֿריי זיך, אַז דיר חלומט זיך וועגן אַזעלכע גוטע זאַכן.
19. נעכטן האָבן זיך די קינדער באַקענט און הײַנט שלאָגן זיי זיך שוין.
20. זי האָפֿט חתונה צו האָבן אין אַ יאָר אַרום.

## p. 168 B

| | | |
|---|---|---|
| די טישן | די כּלות | דער טייל |
| די צרה | די מיידלעך | די פּעדלערס |
| די נבֿיאים | די אויגן | דאָס יאָר |
| די זייגערס | די עצות | דער פּאָגראָם |
| די נאַראָנים | די תּפֿיסה | די הענט |
| דער טײַך | די קראָמען | די ווערטער |
| די פֿרויען | די קרעמערס | דער וועג |
| דער חדר | די שיפֿן | דער שנײַדער |
| די קריסטן | די ייִדענעס | די חתנים |
| די באָרד | דער בחור | דער מאַן |
| דער מאַן | דער באַרג | די באָבעס |

## p. 169 C

1. די מאַמע קען ענגליש, אָבער די באָבע ניט.
2. צי לייענסטו אָדער ניט?

3. משה וועט גיין מיט אונדז, אָבער רחל ניט.
4. איך קען דיר ניט ענטפֿערן, אָבער די לערערין אפֿשר יאָ.
5. יוסף איז אַ גוטער תּלמיד און איז אַלע מאָל געווען אַ גוטער תּלמיד.
6. צי וועסטו אויפֿהערן וויינען אָדער ניט?
7. אַ מאָל האָבן די ייִדן אין ארץ-ישׂראל גערעדט העברעיִש און הייַנט רעדן זיי ווידער העברעיִש.
8. אויב מאָרגן וועט זייַן אַ הייסער טאָג, לאָמיר גיין שווימען אין טייַך ווי אַלע מאָל.
9. איך קען דאָס ניט גלייבן וועגן חיימען און איך וועל עס מסתּמא קיין מאָל ניט גלייבן.
10. איך האָב ניט געוווּסט צי משה וועט קומען, נאָר איך בין גליקלעך וואָס ער איז סוף-כּל-סוף געקומען.

p. 169 D

חתונה האָבן

איך האָב חתונה געהאַט
דו האָסט חתונה געהאַט
ער/זי האָט חתונה געהאַט
מיר האָבן חתונה געהאַט
איר האָט חתונה געהאַט
זיי האָבן חתונה געהאַט

איך האָב חתונה
דו האָסט חתונה
ער/זי האָט חתונה
מיר האָבן חתונה
איר האָט חתונה
זיי האָבן חתונה

איך וועל חתונה האָבן
דו וועסט חתונה האָבן
ער/זי וועט חתונה האָבן
מיר וועלן חתונה האָבן
איר וועט חתונה האָבן
זיי וועלן חתונה האָבן

האָב חתונה!
האָט חתונה!

אַוועקפֿאָרן

איך פֿאָר אַוועק
דו פֿאָרסט אַוועק
ער/זי פֿאָרט אַוועק
מיר פֿאָרן אַוועק
איר פֿאָרט אַוועק
זיי פֿאָרן אַוועק

איך בין אַוועקגעפֿאָרן

דו ביסט אַוועקגעפֿאָרן
ער/זי איז אַוועקגעפֿאָרן
מיר זײַנען אַוועקגעפֿאָרן
איר זענט אַוועקגעפֿאָרן
זיי זײַנען אַוועקגעפֿאָרן

איך וועל אַוועקפֿאָרן
דו וועסט אַוועקפֿאָרן
ער/זי וועט אַוועקפֿאָרן
מיר וועלן אַוועקפֿאָרן
איר וועט אַוועקפֿאָרן
זיי וועלן אַוועקפֿאָרן

פֿאָר אַוועק!
פֿאָרט אַוועק!

באַהאַלטן זיך

איך באַהאַלט זיך
דו באַהאַלסט זיך
ער/זי באַהאַלט זיך
מיר באַהאַלטן זיך
איר באַהאַלט זיך
זיי באַהאַלטן זיך

איך האָב זיך באַהאַלטן
דו האָסט זיך באַהאַלטן
ער/זי האָט זיך באַהאַלטן
מיר האָבן זיך באַהאַלטן
איר האָט זיך באַהאַלטן
זיי האָבן זיך באַהאַלטן

איך וועל זיך באַהאַלטן
דו וועסט זיך באַהאַלטן
ער/זי וועט זיך באַהאַלטן
מיר וועלן זיך באַהאַלטן
איר וועט זיך באַהאַלטן
זיי וועלן זיך באַהאַלטן

באַהאַלט זיך!
באַהאַלט זיך!

שלאָגן זיך

איך שלאָג זיך
דו שלאָגסט זיך

ער/זי שלאָגט זיך
מיר שלאָגן זיך
איר שלאָגט זיך
זיי שלאָגן זיך

איך האָב זיך געשלאָגן
דו האָסט זיך געשלאָגן
ער/זי האָט זיך געשלאָגן
מיר האָבן זיך געשלאָגן
איר האָט זיך געשלאָגן
זיי האָבן זיך געשלאָגן

איך וועל זיך שלאָגן
דו וועסט זיך שלאָגן
ער/זי וועט זיך שלאָגן
מיר וועלן זיך שלאָגן
איר וועט זיך שלאָגן
זיי וועלן זיך שלאָגן

שלאָג זיך!
שלאָגט זיך!

### p. 169 E

1. דער מאַמעס
2. מייַן
3. חנהס
4. יצחקס
5. אייַער
6. דעם גוטן זיידנס
7. ה׳ ראַבינאָוויטשעס
8. דייַנע
9. דעם אַלטן ייִדנס
10. זייַנע

### p. 169 F

1. ווי לאַנג רופֿט מען אייַך שוין פּרוי פֿאַלקער?
2. מייַן טאַטע איז שוין דאָ אין לאַנד פֿיר און צוואַנציק יאָר.
3. איך האָב ניט געקענט גלייבן, אַז מען האָט געדרוקט אַזוי פֿיל ייִדישע ביכער צווישן די צוויי וועלט-מלחמות.
4. זייַ / זייַט אַזוי גוט, געדענק / געדענקט, אַז איך האָב דאָס דיר / אייַך ניט געדאַרפֿט זאָגן.
5. איך ווייס, אַז עס וועלן זייַן צרות.
6. דער טאַטע אַליין דערציילט עס אַלעמען.
7. יעדער ייִנגל ווייסט עס.
8. וועל איך וועגן דעם שווייַגן.
9. איך וועל דיר / אייַך געבן אַ גוטע עצה: האָב / האָט רחמנות אויף שלמהן.
10. אַפֿילו ברידער שלאָגן זיך אַ מאָל.

## p. 170 G

1. אַ קאַלטע און אַ פֿינצטערע
2. אַ לאַנגער ... ניט קיין שלעכטער
3. אַ שטאַרקער
4. אַזאַ שיינע
5. אַ ליכטיקער
6. אַ נײַע
7. אָרעמע
8. קיין זייער קלוגע
9. אַ ווײַסע
10. ניט קיין שווערע

## p. 170 H

1. מײַן מאַמע איז געבוירן געוואָרן אין 1895.
2. זי איז געקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין 1916.
3. זי איז דעמאָלט געווען / דעמאָלט איז זי געווען איין און צוואַנציק יאָר אַלט.
4. זי האָט חתונה געהאַט מיטן טאַטן אין 1918, ווען זי איז געווען דרײַ און צוואַנציק (יאָר אַלט).
5. דער טאַטע איז געווען אַכט און צוואַנציק (יאָר אַלט).
6. ווען הייבט זיך אָן דײַן / אײַער קלאַס?
7. צען מינוט נאָך נײַן.
8. האָסטו / האָט איר זייער אַ סך צײַט.
9. ניין, עס איז שוין האַלב נײַן.
10. איך מיין, אַז דײַן / אײַער זייגער לויפֿט.
11. ניין. דײַן / אײַער זייגער קריכט.
12. טאַקע? אָ, איך זע, אַז ער שטייט.
13. נו, איך וועל דיך / אײַך זען הײַנט אין אָוונט, זיבן אַ זייגער.

## p. 170 I*

1. אין 1995 זײַנען געווען אַן ערך פֿינף מיליאָן נײַן הונדערט טויזנט ייִדן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.
2. דאָס איז אַן ערך צוויי און צוויי צענטל פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג.
3. אין שטאַט קאַליפֿאָרניע זײַנען געווען נײַן הונדערט איין און צוואַנציק טויזנט ייִדן.
4. די באַפֿעלקערונג פֿון ראָד-אײַלאַנד איז נײַן הונדערט נײַנציק טויזנט.
5. זעכצן טויזנט ייִדן זײַנען דאָרטן געווען.
6. אין דיסטריקט פֿון קאָלאָמביע זײַנען געווען מער ייִדן ווי אין איײַאָוואַ.
7. אין יוטאַ האָבן געוווינט מער מענטשן ווי אין ווערמאָנט.
8. אין שטאַט ניו-יאָרק וווינען צום מערסטן ייִדן.
9. אין סאַוט-דאַקאָטאַ וווינען צום ווייניקסטן ייִדן.
10. אין שטאַט ניו-יאָרק איז דער פּראָצענט ייִדן דער גרעסטער.
11. נײַן און איין צענטל פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג אין ניו-יאָרק זײַנען ייִדן.
12. אין עטלעכע שטאַטן איז דער פּראָצענט ייִדן דער קלענסטער: אַרקאַנסאָ, ווײַאָמינג, וועסט-ווירדזשיניע, מאָנטאַנאַ, מיסיסיפּי, נאָרט-דאַקאָטאַ און סאַוט-דאַקאָטאַ.
13. איין צענטל פּראָצענט.
14. פֿינף און צוואַנציק טויזנט פֿינף הונדערט ייִדן וווינען אין וואַשינגטאָן, ד״ק.
15. אין שטאַט וואַשינגטאָן וווינען פֿיר און דרײַסיק טויזנט ייִדן.

*This exercise is based on the revised information in the sixth revised edition of 1999.

# Lesson 19 נײַנצנטע לעקציע

## Questions, p. 177

1. רשי האָט געלעבט פֿון 1040 ביז 1105.
2. ער האָט געלעבט אין טרוא.
3. ער האָט געלערנט גמרא, שפּראַכן, מאַטעמאַטיק און מעדיצין.
4. תּלמידים זײַנען געקומען צו אים פֿון אומעטום.
5. רשי האָט געלעבט פֿון זײַן ווײַנגאָרטן.
6. רשי האָט געשריבן אַ פּירוש אויף תּנך און אויף גמרא.
7. ווײַל ביז רשין איז געווען זייער שווער צו לערנען גמרא, און רשי האָט די שווערע זאַכן דערקלערט.
8. ווײַל אַלץ וואָס רשי זאָגט איז קורץ.
9. מען דערציילט, אַז ווען רשי האָט געענדיקט זײַן פּירוש אויף חומש, איז צו אים געקומען משה רבנו און האָט געזאָגט: „נאָר דו האָסט פֿאַרשטאַנען, וואָס איך האָב געמיינט".
10. ראָטנבורג איז אין דײַטשלאַנד.
11. ר׳ מאיר האָט דאָרטן געלעבט אין דרײַצנטן יאָרהונדערט.
12. ווײַל דעמאָלט האָט מען אין דײַטשלאַנד אומגעבראַכט ייִדן און געברענט / פֿאַרברענט ייִדישע הײַזער און שולן.
13. ר׳ מאירן האָט מען געכאַפּט אין איטאַליע. / מען האָט געכאַפּט ר׳ מאירן אין איטאַליע.
14. דער קייסער האָט אים אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה.
15. צו באַפֿרײַען ר׳ מאירן האָבן ייִדן געקליבן געלט און באַצאָלט דעם קייסער.
16. ר׳ מאיר האָט געזאָגט, אַז בעסער וועט ער שטאַרבן אין תּפֿיסה.
17. ער איז געשטאָרבן אין תּפֿיסה.
18. ער האָט באַצאָלט וויפֿל מען האָט פֿאַרלאַנגט, מען זאָל אים אַרויסגעבן ר׳ מאירס גוף.

## p. 179 A

1. איך פֿאַרלאַנג נאָך דרײַ טעג צו ענטפֿערן אויף אײַער / דײַן פֿראַגע.
2. אפֿשר וועט איר ביידע קומען נאָך אַ מאָל?
3. די וואָך מוזן מיר קלײַבן נאָך הונדערט דאָלאַר.
4. עס זײַנען דאָ דאָ צו פֿיל מענטשן. ווּהין נאָך קען איך אַנטלויפֿן?
5. וואָס נאָך ווילסטו?
6. זײַט / זײַ אַזוי גוט, פֿרעגט / פֿרעג מיך נאָך אַ פֿראַגע.
7. איצט פֿרעגט / פֿרעג מיך אַן אַנדער פֿראַגע.
8. איך וויל נאָך שפּאַצירן.
9. ווי אַזוי קען איך רופֿן נאָך מענטשן? אונדזער הויז איז אַזוי קליין!
10. מיר קענען דאָ מער ניט בלײַבן.
11. איך וויל וועגן דעם נאָך טראַכטן.
12. דאָס איז מײַן ברודער. איך האָב נאָך אַ ברודער אין סאַן-פֿראַנציסקאָ.
13. איך וויל, אַז איצט זאָלסטו מער קיין זאַך ניט טאָן.
14. איצט וועל איך אים זען, אָבער מער קיין מאָל ניט.
15. איך דאַרף נאָך אַ סך צײַט.
16. ווי נאָך קען איך זאָגן די זעלבע זאַך אויף ייִדיש?
17. וויפֿל נאָך טעג וועלן מיר מוזן וואַרטן?
18. איך בין געווען אומעטום און קען שוין / מער ניט גיין.
19. ער האָט געשאַצט, אַז עס זײַנען דאָרטן געווען דרײַ הונדערט פֿופֿציק מענטשן.

## p. 179 B

1. אופֿנים
2. וועגן
3. אופֿן
4. אופֿן
5. וועג
6. אופֿן
7. אופֿן
8. אופֿן
9. וועגן
10. אופֿן
11. וועג

## p. 180 C

1. די וואָך האָב איך געלייענט צוויי ביכער: אַ קורצס און אַן אינטערעסאַנטס און אַ גרויס וואָס איז געווען זייער טרויעריק.
2. דער רבֿ האָט צוויי זין. איינעם שיקט ער קיין אייראָפּע.
3. דער צווייטער / אַנדערער לערנט אין אַ ישיבֿה.
4. צי איז דער טײַך טיף?
5. דער יאָרהונדערט איז אַ וויכטיקער.
6. זי האָט מיר געוויזן זײַנע בריוו און איך האָב געלייענט אַ בריוו.
7. דערנאָך האָט זי מיר געגעבן אַ בריוו.
8. די נײַע אויטאָס זײַנען די טײַערע.
9. מע זעט די נײַע אומעטום.
10. איך האָב געזען עטלעכע אַלטע.

## p. 180 D

1. געפֿירט
2. טראָגסטו
3. טראָגן
4. געפֿירט
5. פֿיר

## p. 180 E

1. ר׳ יהודה חסיד איז געווען אַ גרויסער ייִדישער געלערנטער.
2. ער האָט געלעבט אין דײַטשלאַנד פֿון 1150 ביז 1217.
3. ער איז געווען אַ גוטער און אַ פֿרומער.
4. ווען ער איז געווען יונג האָט ער אַזוי פֿיל געלערנט, אַז ער האָט באַלד געוווּסט מער ווי זײַנע לערערס.
5. מען איז געקומען פֿון ווײַט צו הערן זײַנע קלוגע ווערטער.
6. ר׳ יהודה איז געווען אַ שטאָלצער און אַ שטאַרקער.
7. אַ מאָל איז אַ מאַן געקומען צו ר׳ יהודהן און געזאָגט: „רבי, עס איז מיר צו שווער צו זײַן פֿרום. די מיצוות זײַנען צו שווער״.
8. „טאָ וואָס ווילסטו פֿון מיר?״ האָט ר׳ יהודה געפֿרעגט.
9. „זאָגט מיר אַ מצווה וואָס איז טאַקע אַ וויכטיקע״, האָט געענטפֿערט דער מאַן.
10. „אויב עס וואָלט געווען נאָר איין מצווה וואָלט איך דאָס געקענט טאָן״.
11. „גוט״, האָט ר׳ יהודה געזאָגט. „איך וועל דיר זאָגן:

12. זאָג קיין מאָל ניט קיין ליגן״.
13. „דאָס וועל איך קיין מאָל ניט טאָן״, האָט דער מאַן געזאָגט. „אַ דאַנק, רבי״.
14. אַ מאָל ביי נאַכט האָט ער געוואָלט גנבֿענען געלט, אָבער ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז נאָך דעם וועט ער דאַרפֿן זאָגן אַ ליגן.
15. האָט ער עס ניט געגנבֿעט.
16. אַ מאָל האָט אַ פֿרײַנד אים געגעבן געלט צו באַהאַלטן און ווען ער איז געקומען צו נעמען דאָס געלט, האָט דער מאַן עס אים ניט געוואָלט געבן.
17. ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז מען האָט עס געגנבֿעט.
18. אָבער דאָס וואָלט געווען אַ ליגן.
19. סוף־כּל־סוף האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז אויב מען זאָגט ניט קיין ליגן, קען מען ניט טאָן קיין שלעכטס.
20. ער האָט פֿאַרשטאַנען ווי קלוג און ווי שיין ס׳זיינען געווען ר׳ יהודהס ווערטער.
21. אין זײַן בוך, **ספֿר חסידים**, דערציילט ר׳ יהודה אַזאַ מעשׂה:
22. אַ מאָל האָט אַ מלך גערופֿן אַ חכם און געבעטן ביי אים אַן עצה.
23. ער האָט געוואָלט אים באַצאָלן געלט פֿאַר דער עצה, אָבער דער חכם האָט עס ניט געוואָלט נעמען.
24. „פֿאַר וואָס ווילסטו ניט מיין געלט?״ האָט געפֿרעגט דער מלך.
25. „איר דאַרפֿט מיר ניט געבן קיין געלט, ווײַל איר וועט סיי ווי סיי ניט טאָן וואָס איך זאָג אײַך.
26. און איך קען ניט נעמען געלט וואָס אַ מלך נעמט פֿון אָרעמע״.
27. עס זיינען דאָ אַ סך לעגענדעס וועגן יהודה חסיד אינעם ייִדישן **מעשׂה־בוך**.
28. מען האָט עס געדרוקט דאָס ערשטע מאָל אין באַזל אין 1602.
29. דאָס בוך האָט מען איבערגעזעצט אויף ענגליש.

p. 181 F

1. ריכטיק
2. רעכטער
3. ריכטיק
4. גערעכט
5. ריכטיק
6. רעכטער
7. גערעכט
8. גערעכט

p. 181 G

## אַלע זײַנען גערעכט

1. צוויי ייִדן האָבן זיך צעקריגט.
2. זיי האָבן באַשלאָסן צו גיין צום רבֿ זיך דערוויסן ווער פֿון זיי עס איז גערעכט.
3. דער רבֿ האָט געהערט וואָס איינער האָט געזאָגט און האָט געענטפֿערט:
4. „דו ביסט גערעכט״.
5. דערנאָך האָט ער געהערט וואָס דער צווייטער האָט געזאָגט און האָט געענטפֿערט:
6. „דו ביסט אויך גערעכט״.
7. דעם רבֿס ווײַב האָט אַלץ געהערט און האָט געפֿרעגט:
8. „ווי אַזוי קענען זיי ביידע זײַן גערעכט?״
9. דער רבֿ האָט געטראַכט און געטראַכט און געזאָגט:
10. „מײַן ווײַב, דו ביסט טאַקע אויך גערעכט!״

# צוואַנציקסטע לעקציע Lesson 20

## Questions, p. 187

1. די נײַע דירה איז אַ גרעסערע. זי האָט מער צימערן.
2. טרעגערס פֿירן אַריבער די מעבל. / די מעבל פֿירן אַריבער טרעגערס.
3. ער דערקלערט זיי וווּ אַלץ צו שטעלן.
4. עס זײַנען דאָ צוויי שלאָפֿצימערן אין דער דירה. / אין דער דירה זײַנען דאָ צוויי שלאָפֿצימערן.
5. אין וווינצימער וועלן שטיין די פּיאַנע, דער גרויסער טיש און פֿיר רויטע שטולן.
6. דער קאַמאָד וועט שטיין אין שלאָפֿצימער.
7. די פּיאַנע דאַרף שטיין אין וווינצימער.
8. יאָ, דער כעלעמער האָט געהאַט אַ בילעט פֿאַר זיך.
9. מען האָט עפּעס געגעבן דעם קאָנדוקטאָר, ער זאָל לאָזן וויסן, ווען עס קומט דער קאָנטראָליאָר.
10. ער האָט אַרײַנגעשריגן: „ראַטעוועט זיך! דער קאָנטראָליאָר!“
11. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די בענק.
12. דער כעלעמער האָט זיך אויך געלייגט אונטער אַ באַנק.
13. ער האָט געזען דעם כעלעמערס שטיוול פֿון אונטער דער באַנק.
14. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז נאָך מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן, ווײַל דער כעלעמער האָט געטאָן דאָס זעלבע.

## p. 191 A

1. מײַן לערער האָט אַרײַנגעשריבן אין מײַן העפֿט, אַז איך שרײַב זייער גוט.
2. לאָמיר איבער דעם צוזאַמענאַרבעטן.
3. איך האָב ניט געהערט ווען איר זײַט אַרײַנגעקומען.
4. מײַנע פֿרײַנד זײַנען אַוועק פֿון דאַנען מיט דער באַן מיט דרײַ טעג צוריק.
5. מיר ווילן אַרײַנבויען אַן אַלמער אין דעם צימער, אויב מיגלעך.
6. חיים האָט ניט ליב אַרויסצוקריכן פֿון בעט אין דער פֿרי.
7. איך האָב (זי) געוואָלט (זי) אַרומנעמען.*
8. ווען איך בין געוואָרן בר-מצווה בין איך איבערגעוואָקסן אַלע מײַנע חבֿרים.
9. איך האָב גאָרניט צו לייענען ווײַל איך האָב אַוועקגעגעבן אַלע מײַנע אַלטע ביכער.
10. אַזאַ נאַר טאָר מען ניט אַרויסלאָזן צווישן מענטשן.
11. ווי אַזוי קען איך דיך אַרײַנלאָזן אין הויז מיט אַזעלכע שיך?
12. זאָג דעם ייִנגל, ער זאָל ניט אַרומקריכן.
13. איך ווייס ניט ווי צוריקצוקריגן דאָס געלט וואָס ער האָט אַוועקגענומען.
14. זײַ / זײַט אַזוי גוט, נעם / נעמט די שיך אַרויס / אַרויס די שיך פֿונעם אַלמער.
15. ווען מײַן זיידע איז אַריבערגעקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט ער אויך אַריבערגעברענגט / אַריבערגעבראַכט זײַן גאַנצע משפּחה.
16. זונטיק וועל איך צוזאַמענרופֿן דעם גאַנצן קלוב.
17. דער קלוב נעמט אַרײַן חיימען און משהן אויך.
18. דאָס קינד קען מסתּמא נאָך ניט צוזאַמענרעכענען דרײַצן מיט אַכצן.
19. עס דאַכט זיך, אַז עפּעס איז אַרויסגעפֿאַלן.
20. לייג אַוועק די צײַטונג ביז דו וועסט ענדיקן עסן.

## p. 192 B

1. לייגט / לייג

---

* זי can go in either position, but not both.

2. ליגן
3. לייגט / לייג
4. (אַרײַנגעׅ)שטעלט
5. שטייט
6. ליגט
7. לייגן
8. שטעלן
9. שטיין
10. ליגט

p. 192 C

1. יענץ
2. יענע
3. יענעם
4. יענער
5. יענץ
6. יענעם
7. יענע
8. יענעמ(ס)
9. יענעם
10. יענעם

p. 192 D

מײַן דירה איז זייער אַ גרויסע און אַ שיינע. זי האָט צוויי שלאָפֿצימערן, אַ וווינצימער, וואַשצימער און גרויסע קיך. זי איז אויפֿן זעקסטן גאָרן. דאָס הויז האָט אַ גאַראַזש און איך האָב אַן אויטאָ, אָבער קיין אָרט אין גאַראַזש האָב איך ניט.

אין איין שלאָפֿצימער איז דאָ אַ גרויסע בעט וווּ איך און מײַן פֿרוי שלאָפֿן. אין צימער איז אויך דאָ אַ קאַמאָד, אַ קליינער פֿאָטעל, צוויי לאָמפּן און אַ גרויסער אַלמער. אויפֿן דיל ליגט אַ רויטער טעפּעך. אינעם צווייטן שלאָפֿצימער זײַנען דאָ צוויי שרײַבטישן מיט צוויי קאָמפּיוטערס און צוויי שטולן. אויף די שרײַבטישן ליגט אַ סך פּאַפּיר. דאָרטן זיצן מיר, לייענען און שרײַבן.

אין וווינצימער איז דאָ אַ רויטע סאָפֿע, אַ שוואַרצער פֿאָטעל, אַ טעלעוויזאָר, אַ טעפּעך און עטלעכע ביכער-אַלמערס. אין קיך שטייט אַ גרויסער טיש פֿון ברוין האָלץ. בײַ דעם טיש עסן מיר.

p. 192 E

1. אויב מען קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער.
2. אויב מען קען ניט אַריבער, מוז מען אַריבער.
3. זעצט / זעץ זיך אויף יענער שטול.
4. מײַן טאַטע האָט געהאָפֿט צו בלײַבן, אָבער ער האָט געמוזט אַוועק.
5. ווּ וועט איר דערווײַל שטעלן די ליכט?
6. הײַנט אין אָוונט וועלן מיר זעצן דעם זיידן דאָרטן און די באָבע לעבן אים.
7. פֿאַר וואָס איז דײַן לינק אויג אַזוי רויט?
8. צי קענט איר מיר געבן נאָך אַ פּאָר שיך?
9. ער איז אַרײַנגעקומען רעדן וועגן דעם ענין.
10. מען האָט מיך געלאָזט וויסן, אַז מען מוז באַלד קויפֿן בילעטן.
11. צי מיינט איר / מיינסטו, אַז מיר וועלן אָנקומען פֿאַר האַלב פֿיר נאָך מיטאָג?
12. זאָל ער שטיין אין מיטן צימער.
13. הער אויף צו ציִען דעם טעפּעך פֿון יענער זײַט.

14. אָן די קינדער דאַכט זיך, אַז דאָס גאַנצע הויז איז ליידיק.
15. וועמענס בילד איז דאָס?
16. דער בילעט וואָס איך האָב אַרויסגעצויגן וועט מסתּמא געווינען.
17. ער האָט אַרונטערגעלייגט די צײַטונג / דאָס פּאַפּיר אונטער דער טיר.
18. טרעפֿט / טרעף זיך מיט מיר אינעם זעלבן אָרט ווי אַלע מאָל.
19. מיר זײַנען זייער שטאָלץ מיט אונדזער נײַער דירה.
20. עס איז געווען זייער שווער צו געפֿינען אַ דירה.

p. 193 F

## די כעלעמער ייִדן בויען אַ בית־מדרש

1. די כעלעמער ייִדן האָבן באַשלאָסן צו בויען אַ בית-מדרש.
2. האָבן זיי געמוזט ברענגען הילצערנע קלעצער פֿון וואַלד.
3. דער וואַלד איז געווען אויף אַ באַרג לעבן דער שטאָט.
4. זײַנען די כעלעמער אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן באַרג און אַראָפּגעבראַכט / אַראָפּגעברענגט אַ סך קלעצער.
5. אין כעלעם איז געווען איין קלוגער / חכם.
6. האָט ער געפֿרעגט: „פֿאַר וואָס דאַרפֿט איר אַראָפּטראָגן די קלעצער פֿון באַרג?"
7. „איר וואָלט זיי דאָך געקענט אַראָפּקײַקלען".
8. די כעלעמער האָבן געזען, אַז ער איז גערעכט.
9. האָבן זיי די קלעצער צוריק אַרויפֿגעטראָגן אויפֿן באַרג.
10. דערנאָך האָבן זיי זיי אַראָפּגעקײַקלט.

## איין און צוואַנציקסטע לעקציע Lesson 21

### Questions, p. 197

1. ווײַל ער איז געווען דער ערשטער פֿון זײַן דור, וואָס האָט געוואָלט שאַפֿן אַ ייִדישע מלוכה אין ארץ-ישׂראל.
2. זײַן פּלאַן איז געווען, אַז ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט זאָלן אַריבערפֿאָרן אין ארץ-ישׂראל.
3. ער האָט געזאָגט: „אויב איר ווילט עס, איז עס נישט קיין מעשׂהלע".
4. אַז ארץ-ישׂראל איז אַן אַלטער ייִדישער חלום ווײַזט אונדז דאָס, וואָס יעדער פּסח בעטן ייִדן אין דער הגדה, אַז איבער אַ יאָר זאָלן זיי שוין זײַן אין ירושלים.
5. הערצל איז געבוירן געוואָרן אין 1860 אין בודאַפּעשט.
6. ער האָט זיך געלערנט אין ווין.
7. עס האָט אים אָנגערירט דער אַנטיסעמיטיזם אין פֿראַנקרײַך.
8. הערצל האָט דערציילט זײַנע פּלענער אין **די ייִדישע מלוכה**.
9. דער אויספֿיר פֿון הערצלס בוך איז געווען, אַז ייִדן מוזן שאַפֿן אַ נאַציאָנאַלע מלוכה.
10. דער פּאָליטישער ציוניזם האָט זיך אָנגעהויבן מיטן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1897.
11. ער איז אַ סך אַרומגעפֿאָרן און גערעדט מיט מיניסטאָרן פֿון פֿאַרשיידענע מלוכות.
12. ער איז געשטאָרבן אין 1904 אין ווין.

### p. 200 A

1. די בעט וואָס שטייט אין אַנדערן צימער איז מײַן טאַטנס.
2. דער מענטש וואָס וועט הײַנט קומען איז דאָ שוין נעכטן געווען.
3. דאָס מיידל וואָס דו האָסט דאָרטן געזען קען איך אויך.
4. דאָס בוך, וואָס דו האָסט מיר דערציילט וועגן אים, איז טאַקע אינטערעסאַנט.
5. געדענקסט יענעם אַלטן, וואָס דו האָסט זיך באַקענט מיט אים בײַ מיר אין דער היים?
6. די מענטשן וואָס הערצל האָט אָנגעצונדן מיט דעם אידעאַל האָבן געאַרבעט פֿאַרן ציוניזם.
7. דער מענטש וואָס זײַן פּלאַן איז געווען צו שאַפֿן אַ ייִדישע מלוכה איז געווען הערצל.
8. דער לערער, וואָס פֿון אים האָב איך זיך דערוווּסט וועגן ציוניזם, האָט געהייסן גערשמאַן.
9. די מענטשן, וואָס איך אַרבעט מיט זיי, האָבן מיך ליב.
10. די קינדער, וואָס איך וואַרט אויף זיי, וועלן זיכער באַלד קומען.
11. דער מענטש, וואָס זײַן פּלאַן געפֿעלט דיר אַזוי, בין איך.
12. מײַן ברודער, וואָס מיט אים ווילסטו דווקא רעדן, איז ניטאָ.
13. עסטרײַך-אונגערן איז געווען אַ מלוכה, וואָס אין איר האָבן געלעבט אַ סך פֿעלקער.
14. די מעשׂה וואָס דו האָסט מיר דערציילט האָט זיך שלעכט געענדיקט.
15. די ייִנגלעך, וואָס איך בין געזעסן צווישן זיי, האָבן געמאַכט אַ גרויסן טומל.

### p. 201 B

1. אויף דער זײַט ים האָט געלעבט אַן אַלטער מלך.

2. די צווייטע העלפֿט געשעפֿט האָט געהערט צו מײַן טאַטן.
3. אַ פּאָר עדות האָבן געזאָגט אַ ליגן.
4. אַ פּאָר טיילן־זייגער זײַנען פֿון גאָלד.
5. אין מיטן דער נאַכט האָבן זיי געגנבֿעט די גרענעץ.
6. אַ סך טויזנטער מענטשן האָט מען אומגעברענגט אויך אין רוסלאַנד.
7. די פּאָר שיך האָב איך שוין אַראָפּגענומען פֿון דער פּאָליצע.
8. אַ קליין שטיקל בילד איז נאָך נישט געענדיקט.
9. דאָס יאָר 1848 איז געווען זייער אַ שווערס אין דער ייִדישער געשיכטע.
10. די שטאָט ניו-יאָרק איז אַ צענטער פֿון ייִדישן לעבן.
11. דער חודש אויגוסט איז זייער אַ הייסער.
12. דער ענין געלט ברענגט צרות.
13. דער פּראָצענט נײַע סטודענטן איז זייער אַ גרויסער.
14. די שיף לוסיטאַניע איז געווען זייער אַ גרויסע.
15. אין דעם גאַנצן לאַנד פֿראַנקרײַך האָט מען אויפֿגעהאָנגען טויזנטער מענטשן אינעם אַכצנטן יאָרהונדערט.
16. די משפּחה פֿרידמאַן האָט מען געוואָלט פֿאַרמישפּטן אויף דרײַ יאָר תּפֿיסה.
17. אַ סך אַנטיסעמיטיזם קומט פֿון נישט קענען דאָס ייִדישע פֿאָלק.
18. אַ ביסל צוקער מאַכט דאָס עסן זייער זיס.

## C p. 201

1. (טויזנט)
2. (מיליאָנ)ען
3. (טויזנט)ער
4. (הונדערט)ער
5. (דאָלאַר)
6. (הונדערט טויזנט)
7. (טויזנט)ער (דאָלאַר)ן
8. (דאָלאַר)ן
9. (יאָר)ן
10. (שעה)ען
11. (שעה)
12. (מינוט)

## D p. 201

1. ווען דאָס בוך, וואָס אין אים האָט הערצל דערציילט וועגן זײַנע פּלענער, איז אַרויסגעגאַנגען, איז הערצל באַרימט געוואָרן אין אייראָפּע.
2. צום אָנהייב האָבן אַ סך מענטשן געמיינט, אַז אַזאַ זאַך איז נישט מיגלעך.

3. אַנדערע האָבן געמיינט, אַז עס איז זייער שלעכט פֿאַר ייִדן.
4. „ווי אַזוי קענען ייִדן האָבן זייער אייגענע מלוכה?" האָבן זיי געפֿרעגט.
5. „אויב זיי וואָלטן געשאַפֿן אַ מלוכה, וואָלטן זיי געווען אַ פֿאָלק".
6. מען האָט געמיינט, אַז ייִדן זײַנען נאָר אַ רעליגיע.
7. אויב די ייִדן זײַנען אַ פֿאָלק, ווי אַזוי וועט מען קוקן אויף זיי אין די מלוכות אין אייראָפּע וווּ זיי וווינען?
8. מען האָט געמיינט, אַז די צײַט ווען די ייִדן זײַנען געווען אַ פֿאָלק האָט זיך געענדיקט.
9. אַ סך ייִדן האָבן מורא געהאַט, אַז דער ציוניזם וועט העלפֿן דעם אַנטיסעמיטיזם.
10. הערצל האָט געוואָלט צוזאַמענרופֿן דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין דער שטאָט מינכן, אָבער די ייִדן וואָס האָבן דאָרטן געוווינט האָבן אים ניט געלאָזט.
11. הערצל איז געווען אַ שטאָלצער און (ער) האָט ניט מורא געהאַט.
12. ער איז געווען אַזוי זיכער אין זײַן אַרבעט, אַז ער האָט פֿאַרלאַנגט, אַלע זאָלן אים העלפֿן.
13. הערצל איז געפאָרן זען דעם קייסער פֿון טערקײַ.
14. ארץ-ישׂראל איז דעמאָלט געווען אַ טייל פֿון טערקײַ.
15. עס איז געווען אַ פּלאַן וואָס לויט אים האָבן ייִדן געדאַרפֿט קויפֿן ערד אין ארץ-ישׂראל.
16. הערצל האָט גערעכנט, אַז עס זײַנען דאָ גענוג רײַכע ייִדן וואָס קענען קויפֿן די ערד וואָס ייִדן דאַרפֿן.
17. דעם קייסער פֿון טערקײַ איז ניט געפֿעלן דער פּלאַן.
18. אָבער אַ סך יונגע ייִדן זײַנען אַוועק פֿון דער היים צו אַרבעטן אין ארץ-ישׂראל און צו בויען דאָס לאַנד.
19. מען האָט ניט געקענט שאַפֿן די נײַע מלוכה אָן אַזעלכע יונגע מענטשן וואָס האָבן געגלייבט אין דעם חלום.
20. דאָס לאַנד ארץ-ישׂראל האָט הערצל אַליין גערופֿן דאָס „אַלט-נײַ לאַנד".
21. עס איז אינטערעסאַנט, אַז הערצל איז קיין מאָל ניט געגאַנגען אין אַ ייִדישער שול און ווען ער איז געווען יונג האָט ער ווייניק געהאַט צו טאָן מיט ייִדן.
22. ער האָט געלעבט אין אַ צײַט פֿון גרויסער אַסימילאַציע.
23. הערצל האָט געדענקט זײַן זיידן, וואָס ער האָט (אים) ליב געהאַט.
24. זײַן זיידע איז געווען אַ פֿרומער ייִד.
25. ווי אַלע פֿרומע, האָט ער געלעבט מיטן חלום פֿון פֿאָרן קיין ארץ-ישׂראל צו שטאַרבן.
26. הערצל איז געווען אַ גרויסער מענטש און איז געוואָרן זייער וויכטיק אין דער ייִדישער געשיכטע.

## p. 202 E

1. ער איז געבוירן געוואָרן אין גאַנצן אין אַן אַנדער דור.
2. דוד רעדט אַלע מאָל וועגן זײַנע אייגענע פּלענער.
3. דאָס בוך הייבט זיך אָן גוט, אָבער ענדיקט זיך שלעכט.
4. צום אָנהייב האָב איך ניט געהערט אײַער נאָמען.
5. לויט אים איז דאָס לעבן דאָרטן זייער שווער.
6. צי ווילסטו דווקא אָט די דירה?
7. דו קענסט זי נעמען אָדער איצט אָדער דאָס נאָענטסטע יאָר.
8. איך בין ניט אין גאַנצן זיכער, אַז איך וועל דאָרטן זײַן איידער דו וועסט קומען.

9. צי איז אײַער / דײַן אוניווערסיטעט טאַקע אַ גוטער?
10. איך קען זיך ניט טיף אַרײַנלאָזן אין דעם.

## Lesson 22 צוויי און צוואַנציקסטע לעקציע

### Questions, pp. 207-208

1. דער ייִד האָט געשריבן, אַז נאָך זײַן טויט מען זאָל צעטיילן זײַנע זאַכן.
2. ער האָט געלאָזט זיבעצן זילבערנע לעפֿל.
3. ווײַל מען האָט נישט געוווּסט ווי מען צעטיילט זיבעצן אויף צוויי, אויף דרײַ און אויף נײַן.
4. אַ קליין ייִנגל האָט געגעבן אַן עצה. / געגעבן אַן עצה האָט אַ קליין ייִנגל.
5. דאָס ייִנגל איז געלאָפֿן און האָט געליגן בײַ עמעצן נאָך איין לעפֿל.
6. דער ערשטער זון האָט געקראָגן אַ העלפֿט פֿון אַלע אַכצן לעפֿל, דאָס הייסט נײַן.
7. דער דריטער זון האָט געקראָגן צוויי לעפֿל. / געקראָגן צוויי לעפֿל האָט דער דריטער זון.
8. דאָס איז פּונקט אַ נײַנטל פֿון אַכצן, אָבער מער ווי אַ נײַנטל פֿון זיבעצן.
9. די כּלה האָט שלעכט געהערט נאָר אויף איין אויער, שלעכט געזען אויף איין אויג, די רעכטע האַנט איז געווען בײַ איר אַ ביסל קירצער ווי די לינקע און זי האָט געהינקט אויף איין פֿוס.
10. דער שדכן האָט פֿאַרגעסן צו פֿרעגן צי דער ייִד דאַרף אַ כּלה.
11. דער כעלעמער מיינט, אַז אַ מענטש דאַרף די נאָז צו שמעקן.
12. דער אַנדערער כעלעמער מיינט, אַז מען דאַרף דעם קאָפּ צו טראָגן אַ הוט.
13. דאָס הייסט, אַז אויב דיר איז גוט, דאַרפֿסטו זיך נישט זוכן קיין צרות.

### p. 211 A

1. דער דריטער פֿעברואַר 1940
2. דער אַכצנטער אָקטאָבער 1929
3. דער פֿערצנטער מײַ 1928
4. דער זיבענצנטער סעפּטעמבער 1905
5. דער פֿערטער יולי 1776
6. דער עלפֿטער נאָוועמבער 1918
7. דער נײַן און צוואַנציקסטער אויגוסט 1492
8. דער ערשטער אָקטאָבער 1802
9. דער איין און דרײַסיקסטער יאַנואַר 1941
10. דער זעקסטער יוני 1944
11. דער וויפֿלטער איז הײַנט?

### p. 211 B

1. זומער בין איך געפֿאָרן וווינען מיט מײַן פֿעטער און מומע.
2. די שול האָט זיך געענדיקט פֿרײַטיק דעם צוויי און צוואַנציקסטן יוני.
3. דרײַ טעג האָב איך גאָרניט ניט געטאָן.
4. נאָך דעם בין איך אַרויסגעפֿאָרן.
5. איך בין געפֿאָרן פֿיר שעה מיט דער באַן.
6. איך האָב געוואָלט בלײַבן מיט זיי דעם גאַנצן זומער, אָבער די שוועסטער האָט געוואָלט צוריקפֿאָרן אַהיים אויפֿן חודש אויגוסט.
7. זײַנען מיר געבליבן מיט דער משפּחה נאָר אָנדערטהאַלבן חודש.
8. מיר זײַנען אָנגעקומען דינסטיק. / דינסטיק זײַנען מיר אָנגעקומען.
9. אין צוויי טעג אַרום זײַנען געקומען צוויי חבֿרים מײַנע.
10. מיר האָבן זיך זייער געפֿרייט וואָס זיי זײַנען געקומען.
11. אַ פּאָר שעה אַלע טאָג זײַנען מיר געגאַנגען שווימען אין טײַך.
12. יעדערער איז געווען געזונט די גאַנצע צײַט.

13. מיט פֿיר יאָר צוריק בין איך דאָרטן געווען מיט עמעצן וואָס דו קענסט ניט.
14. מיר זײַנען געווען ווײַט פֿון דער גאַנצער וועלט און מיר האָבן אַפֿילו ניט געקראָגן קיין צײַטונגען.
15. עס האָט גאָרניט אויסגעמאַכט.
16. קיינער האָט ניט געוווּסט דער וויפֿלטער עס איז.
17. מײַן פֿעטער און מומע האָבן געוווינט אין דער רעכטער העלפֿט הויז און מיר האָבן גענוצט די לינקע העלפֿט.
18. אַלץ איז געווען פֿײַן און ריין.
19. איין מאָל האָט מיר מײַן שוועסטערקינד געליגן זײַן וועלאָסיפּעד און איך בין פֿון אים אַראָפּגעפֿאַלן.
20. איך האָב געקענט צעברעכן אַ פֿוס.
21. איך האָב קיינעם ניט דערציילט וועגן דעם, ווײַל מײַן שוועסטערקינד וואָלט מיר קיין צווייט מאָל ניט געליגן דעם וועלאָסיפּעד אויב ער וואָלט געוווּסט וועגן דעם.
22. ווי גייט מען פֿון דאַנען אין פּאַרק?
23. איך וועל דיר / אײַך זאָגן דעם אמת: איך ווייס ניט. אפֿשר אויף רעכטס, אפֿשר אויף לינקס.
24. צי איז דײַן / אײַער פֿעטער טאַקע אַ שדכן?
25. פֿאַר וואָס איז דײַן / אײַער נאָז אַזוי רויט?
26. דו לויפֿסט / איר לויפֿט צו פֿיל אַרום.
27. אויב דו ווילסט / איר ווילט טראָגן אָט דעם הוט, טראָג / טראָגט אים, אָבער ער איז מיאוס.
28. צי האָסטו / האָט איר חתונה געהאַט? מזל-טובֿ!

p. 212 C

## אַ חסרון — די כּלה איז צו שיין

דאָס שפּריכוואָרט „אַ חסרון — די כּלה איז צו שיין" ניצט מען ווען איינער איז מיט גוטע זאַכן ניט צופֿרידן. עס זײַנען דאָ מענטשן וואָס אין אַלץ געפֿינען זיי חסרונות, אַפֿילו אין גוטע זאַכן. למשל, אויב איינער גייט אין פּאַרק, די זון שײַנט, די לופֿט איז פֿריש, דאָס גראָז איז גרין, נאָר ער זאָגט, אַז ער האָט נישט ליב צו הערן ווי די פֿייגל זינגען, אַזאַ מענטש קען מען ענטפֿערן מיט „אַ חסרון — די כּלה איז צו שיין!" אָדער אויב ער וואָלט געזאָגט, אַז ער האָט נישט לייב דעם שיינעם וועטער ווײַל ער וואָלט בעסער געוואָלט זיצן אין דער היים און אַרבעטן, וואָלט מען אים אויך געקענט ענטפֿערן מיטן זעלביקן שפּריכוואָרט.

p. 212 D

דרײַ פֿערטל מאָל דרײַ פֿערטל איז נײַן זעכצנטל; נײַן מיט איין אַכטל פּלוס צוויי מיט איין פֿערטל איז גלײַך עלף מיט דרײַ אַכטל; צוויי דריטל פּלוס דרײַ מיט צוויי דריטל איז פֿיר מיט איין דריטל; צוויי מיט צוויי דריטל מאָל פֿיר איז צען מיט צוויי דריטל; צען אַ האַלב מינוס דרײַ זעכצנטל איז גלײַך צען מיט פֿינף זעכצנטל; זיבעצן געטיילט אויף אַכט איז צוויי מיט איין אַכטל.

p. 212 E

1. צוויי אַ האַלב דאָלאַר.
2. פֿינף אַ האַלב שעה.
3. אָנדערטהאַלבן טעג.
4. אַ האַלבע מינוט.
5. אַ האַלבער דאָלאַר.
6. אַ האַלב לאַנד.
7. גיב / גיט מיר ניט מער ווי אַ העלפֿט.
8. צען אַ האַלב טויזנט.
9. אַ האַלבע נאַכט.
10. איבער אַ העלפֿט פֿון אַלע מענטשן.
11. איך וויל  די העלפֿט צײַטונג.

p. 212 F

## אַ קלוגע פֿראַגע

אַ קליין ייִנגל האָט אַ מאָל געפֿרעגט די מאַמע:

„מאַמע, ווען מען שטאַרבט, שטאַרבט מען אויפֿן גאַנצן לעבן?״

## אַ קלוגער ענטפֿער

„דער וויפֿלטער איז הײַנט?״

„איך ווייס ניט״.

„אָבער דו האָסט דאָך אַ צײַטונג אין האַנט!״

„יאָ, אָבער זי איז פֿון נעכטן״.

p. 212 G

1. יצחק־לייבוש פּרץ איז געבוירן געוואָרן אין זאַמאָשטש דעם אַכצנטן מײַ טויזנט אַכט הונדערט צוויי און פֿופֿציק.
2. זײַן משפּחה איז געווען פֿון גרויסן ייִחוס.
3. עס זײַנען געווען אַ סך גרויסע רבנים אין דער משפּחה. / אין דער משפּחה זײַנען געווען אַ סך גרויסע רבנים.
4. ווען פּרץ איז געווען דרײַ יאָר אַלט, האָט ער אָנגעהויבן גיין אין חדר.
5. ווען ער איז געוואָרן זעקס יאָר אַלט, האָט ער שוין געלערנט גמרא.
6. ער איז געווען זייער אַ קלוג ייִנגל, אָבער ער האָט ניט ליב געהאַט דעם חדר.
7. ער איז אים געווען צו קליין און ענג.
8. ווען ער איז געווען פֿופֿצן, האָט מען אים געגעבן אַ שליסל צו אַ פּריוואַטער ביבליאָטעק אין זײַן שטאָט.
9. דאָרטן האָט פּרץ געפֿונען אַ סך ביכער און האָט זיי אַלע געלייענט.
10. ער האָט זיך געלערנט אַ פּאָר שפּראַכן.
11. די ביכער האָבן אים געעפֿנט די אויגן אויף דער גרויסער וועלט.
12. ווען ער איז געווען פֿינף און צוואַנציק, דאָס הייסט, אין טויזנט אַכט הונדערט זיבן און זיבעציק, איז ער געוואָרן אַן אַדוואָקאַט.
13. אין אַ יאָר אַרום האָט ער חתונה געהאַט.
14. אין טויזנט אַכט הונדערט זיבן און אַכציק האָט ער אויפֿגעהערט צו זײַן אַן אַדוואָקאַט און איז אַריבערגעפֿאָרן קיין וואַרשע.
15. ער איז געוואָרן אַ שרײַבער.
16. ער האָט אַ סך געטאָן אין ייִדישע ענינים.
17. אין טויזנט אַכט הונדערט נײַן און נײַנציק האָט מען אים אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה אויף דרײַ חדשים, ווײַל ער האָט גערעדט אויף אַן אומלעגאַלער פֿאַרזאַמלונג.
18. ווען מען האָט אים באַפֿרײַט, האָט ער געשריבן פֿאַר אַ זשורנאַל וואָס האָט געהייסן **דער ייִד**.
19. אין דעם זשורנאַל האָט מען געדרוקט אַ סך פֿון פּרצעס באַרימטע מעשׂיות און לידער.
20. ער איז געבליבן אַ וויכטיקער פֿירער אינעם ייִדישן לעבן ביזן טויט.
21. פּרץ איז געשטאָרבן אין וואַרשע דעם דריטן אַפּריל טויזנט נײַן הונדערט פֿופֿצן.
22. איבער הונדערט טויזנט מענטשן זײַנען געקומען אויף זײַן לוויה. / אויף זײַן לוויה זײַנען געקומען איבער הונדערט טויזנט מענטשן.
23. מען האָט אים מקבר געווען אויפֿן בית-עולם אין וואַרשע.
24. אויף יעדער יאָרצײַט זײַנען געקומען טויזנטער מענטשן צו זײַן קבֿר.
25. אַפֿילו אין געטאָ האָבן מענטשן אים געדענקט און געפּראַוועט זײַן נײַנציקסטן געבוירן-טאָג.

# Lesson 23 דרײַ און צוואַנציקסטע לעקציע

## Questions, p. 218

1. יאָ, ייִדן האָט מען / מען האָט ייִדן אויסגעפֿאָרשט אַנטראָפּאָלאָגיש.
2. ער האָט בײַ ייִדן געפֿונען פֿיר טיפּן נעזער.
3. בײַ דער מערהייט ניו-יאָרקער ייִדן האָט ער געפֿונען גלײַכע נעזער.
4. פֿערצן פּראָצענט ייִדן האָבן הויקערדיקע נעזער.
5. אויב אַזוי איז ניט אמת, אַז מען קען וויסן לויט דער נאָז ווער עס איז אַ ייִד.
6. ניין, דאָס ייִדישע פֿאָלק איז ניט קיין ריינע ראַסע.
7. בײַ ייִדן זײַנען די ראַסנדיקע הויפּטטיפּן אַן אָריענטאַלישער און אַן אַרמענאָיִדער.
8. דער אַרמענאָיִדער טיפּ האָט אַ קײַלעכדיקן קאָפּ, אַ משופּעדיקן שטערן, אַ הויקערדיקע נאָז און אַ קליין מויל.
9. ניין, ער איז אויך דאָ בײַ אַרמענער און אַנדערע פֿעלקער.
10. דער אָריענטאַלישער טיפּ האָט אַ גלײַכן שטערן, אַ גלײַכע נאָז, גרויסע באַקן, גרויסע ליפּן און גרויסע אויגן.
11. ניין, טייל ייִדן האָבן, למשל, בלאָנדע האָר.
12. די קינדער אין כעלעם האָבן געהערט, אַז די ניו-יאָרקער וואָלקן-קראַצערס זײַנען אַזוי הויך, אַז אויף די דעכער ליגט שניי אַ גאַנץ יאָר, אַז די לופֿט איז אַזוי שיטער, אַז מענטשן טראָגן מיט זיך זויערשטאָף צו אָטעמען, און אַז מצה אויף פּסח באַקט מען דאָרטן חנוכּה-צײַט.
13. „ר׳ משה מעג, מאָשקע טאָר ניט‟ קען מען דערקלערן אַזוי, אַז אַ וויכטיקער מענטש מעג טאָן דאָס, וואָס אַ ניט-וויכטיקער טאָר ניט. „געלט איז קײַלעכדיק‟ הייסט, אַז עס קײַקלט זיך — אַ מאָל האָט עס איין מענטש, אַ מאָל אַן אַנדערער.

## p. 221 A

1. איר טאָרט דאָ ניט בלײַבן ביז האַרבסט.
2. דו מעגסט שוין אַרײַנגיין.
3. איך האָב דאָך געמעגט זאָגן אַ וואָרט.
4. קיינער טאָר גאָרניט / קיין זאַך ניט זאָגן.
5. די הויפּטזאַך וועסטו מעגן זען.
6. איך האָב ניט געוווסט, אַז מען טאָר זיי ניט לייגן די לעפּל.
7. דו דאַרפֿסט גיין מיט מיר, אָבער דו טאָרסט ניט.
8. דו טאָרסט ניט ענטפֿערן אויף אַלץ.
9. זי מעג עסן אַזוי פֿיל.
10. פֿאַר וואָס טאָר ער דווקא איצט ניט אַוועקגיין?

## p. 221 B

1. שׂרה קען באַלד קומען.
2. דאָס ייִנגל איז אַזוי הויך, אַז ער קען ניט אַרײַנגיין דורך דער טיר.
3. דו קענסט נעמען דעם ליפּט צום פֿינפֿטן גאָרן.
4. עס קען אַרבעטן.
5. אָבער עס אַרבעט כּמעט קיין מאָל ניט.
6. דו מוזסט שטיין גלײַך.
7. עס קען זײַן, אַז מײַן שוועסטער האָט מיר געשריבן, אָבער איך האָב קיין מאָל ניט געקראָגן די בריוו.
8. דאָס מוז זײַן דײַן ברודער, ווײַל איר ביידע האָט די זעלביקע האָר און אויגן.
9. דו טאָרסט ניט זאָגן אַזעלכע ווערטער.
10. דו דאַרפֿסט בלײַבן מיט אונדז פֿרילינגצײַט.

## C p. 221

1. איך העלף דער מאַמע(ן) אַרבעטן.
2. וואָס האָסטו אויף דער ליפּ?
3. איך בין נעכטן געווען בײַ ה׳ שטײנען אין קראָם.
4. דער תּלמיד האָט אויפֿגעהויבן די האַנט.
5. חיים האָט צעבראָכן דעם רעכטן פֿוס.
6. פֿרילינגצײַט וועל איך פֿאָרן צום זיידן און צו דער באָבע.
7. איך האָב געלאָזט די זאַכן בײַ חײמען אין דירה.
8. צי קען איך דאָ אַוועקשטעלן די שיך?

## D pp. 221-222

1. אָט אַזוי האָט ער מיר דערציילט די מעשׂה. / אָט ווי ער האָט מיר דערציילט די מעשׂה.
2. אָט דאָ מעגסטו גיין שפּאַצירן און אָט דאָ טאָרסטו ניט./ אָט וווּ דו מעגסטו גיין שפּאַצירן און אָט וווּ דו טאָרסטו ניט.
3. דאָס לעבן קען זײַן שווער, אָבער מען דאַרף לעבן.
4. צי מעג איך אַרײַנקומען?
5. צי קען איך דיר / אײַך העלפֿן?
6. יאָ, אָט דאָס קענסטו / קענט איר טאָן. / יאָ, אָט וואָס דו קענסט / איר קענט טאָן.
7. דו מעגסט / איר מעגט אַרײַנלייגן די אַלע זאַכן אינעם גרויסן אַלמער, אָבער דו טאָרסט / איר טאָרט זיי ניט אויסמישן.
8. אָט אַזוי פֿיל קאָסט עס. /אָט וויפֿל עס קאָסט.
9. האַרבסט וויל איך קומען צו דיר / אײַך צו גאַסט.
10. כאָטש דו האָסט / איר האָט ווייניק געלט, קענסטו / קענט איר מיר געבן אַ דאָלאַר.
11. דער עיקר איז ניט מורא (צו) האָבן.
12. צי קען מען האָבן שוואַרצע האָר און העלע אויגן אין דער זעלביקער צײַט?
13. יאָ, מײַן שוועסטער, למשל.
14. די לופֿט איז דאָ זייער גוט.
15. פֿאַר וואָס זאָלן מיר אַרויפֿגיין? מיר קענען אַרויפֿפֿאָרן מיטן ליפֿט.
16. די הויפּטגאַס איז ברייט און גלײַך, אָבער די אַנדערע גאַסן זײַנען שמאָל.
17. עס איז שווער צו גלייבן, אַז דאָס איז די הויפּטשטאָט.
18. דער צימער איז אַזוי קליין, אַז מען קען אין אים כּמעט ניט אָטעמען.
19. איך געפֿין, אַז יום-טובֿ (פּסח, למשל) אַרבעט איך זייער ווייניק.
20. ער האָט אַ סך פּלענער אין קאָפּ.
21. בײַ אסתּרן איז די רעכטע האַנט שטאַרק.
22. דער קאָפּ אַרבעט טאַקע בײַם קינד זייער גוט.
23. דאָס איז אַן אמתע מעשׂה.
24. נעם / נעמט דעם ליפֿט צום זעקסטן גאָרן.
25. אויפֿן וויפֿלטן גאָרן וווינט ער?
26. אָט אַזוי קײַלעכדיק איז זײַן קאָפּ. / אָט ווי קײַלעכדיק זײַן קאָפּ איז.
27. אָט דאָ האָבן ביידע מענטשן זיך באַקענט. /אָט וווּ ביידע מענטשן האָבן זיך באַקענט.
28. אָט דאָס איז דאָס מיידל וואָס מיט איר וועל איך חתונה האָבן.
29. דער האַרבסט הייבט זיך אָן.
30. אָט דאָ אַרבעט איך. / אָט וווּ איך אַרבעט.

# פֿיר און צוואַנציקסטע לעקציע Lesson 24

## p. 227 A

1. דער חתן מוז געבן דער כּלה אַ קוש.
2. חיים איז געפֿאַלן און האָט צעבראָכן די לינקע האַנט.
3. דאָס געלט מאַכט שוין ניט אויס, ווייַל דער ענין איז געענדיקט.
4. עמעצער זאָגט, אַז דו האָסט / איר האָט נאָך געלט. צי איז דאָס אַן אמתע מעשׂה?
5. ניין, איך האָב מער גאָרניט / גאָרניט מער.
6. אָדער גיב / גיט מיר דאָס בוך ווי אַ מתּנה אָדער לייַ / לייַט עס מיר אויף אַ וואָך.
7. שטעל / שטעלט זיך אַרויף אויף דער שטול אָדער שטיי / שטייט דאָרטן לעבן פֿענצטער.
8. איצט קום / קומט אַראָפּ.
9. ווען ביסטו / זייַט איר געבוירן געוואָרן?
10. איך בין געבוירן געוואָרן דעם 29סטן סעפּטעמבער נייַנצן הונדערט זיבן.
11. מיר האָבן געקראָגן אַ דירה אין דעם טייל שטאָט.
12. בעת די יום-טובֿים וועלן מיר מסתּמא האָבן צייַט צו טאָן וואָס מיר ווילן.
13. פֿאַר וואָס רירט ער די גאַנצע צייַט אָן דעם לינקן אויער?
14. מייַן גוטע פֿעדער האָב איך קיינעם ניט ליב צו לייַען.
15. זייַ / זייַט אַזוי גוט, לאָז / לאָזט אונדז וויסן ווען דו וועסט / איר וועט אָנקומען, מיר זאָלן זיך קענען טרעפֿן מיט דיר / אייַך.
16. זאָל ער בלייַבן ביַי זיך אין דער היים.
17. פֿריִער האָט ער געוואָלט רעדן דווקא מיט דיר / אייַך.
18. זיכער איז עס ניט געווען צו / אַזוי וויכטיק.
19. דער יום-טובֿ האָט זיך אָנגעהויבן נעכטן און וועט זיך ענדיקן איבער מאָרגן.
20. עס דאַכט זיך, אַז דאָס איז דער הויפּט-ענין וואָס וועגן אים דאַרפֿן מיר רעדן.
21. כאָטש דאָס הויז איז כּמעט פֿול, קענען מיר אפֿשר בעטן קומען נאָך אַ פּאָר מענטשן.
22. מיר געפֿעלןביידע פּאָר שיך, אָבער איך וויל, דו זאָלסט / איר זאָלט מיר געבן די ברוינע.
23. געדענק / געדענקט, אַז איך וויל נאָר איינע.

## p. 227 B

שטיין

איך שטיי
דו שטייסט
ער/זי שטייט
מיר שטייען
איר שטייט
זיי שטייען

איך בין געשטאַנען
דו ביסט געשטאַנען
ער/זי איז געשטאַנען
מיר זייַנען געשטאַנען
איר זייַט געשטאַנען
זיי זייַנען געשטאַנען

איך וועל שטיין
דו וועסט שטיין
ער/זי וועט שטיין
מיר וועלן שטיין
איר וועט שטיין
זיי וועלן שטיין

שטיי!
שטייט!
לאָמיר שטיין!

אַוועקלייגן זיך

איך לייג זיך אַוועק
דו לייגסט זיך אַוועק
ער/זי לייגט זיך אַוועק
מיר לייגן זיך אַוועק
איר לייגט זיך אַוועק
זיי לייגן זיך אַוועק.

איך האָב זיך אַוועקגעלייגט
דו האָסט זיך אַוועקגעלייגט
ער/זי האָט זיך אַוועקגעלייגט
מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט
איר האָט זיך אַוועקגעלייגט
זיי האָבן זיך אַוועקגעלייגט

איך וועל זיך אַוועקלייגן
דו וועסט זיך אַוועקלייגן
ער/זי וועט זיך אַוועקלייגן
מיר וועלן זיך אַוועקלייגן
איר וועט זיך אַוועקלייגן
זיי וועלן זיך אַוועקלייגן

לייג זיך אַוועק!
לייגט זיך אַוועק!
לאָמיר זיך אַוועקלייגן!

געבוירן ווערן

איך ווער געבוירן
דו ווערסט געבוירן
ער/זי ווערט געבוירן
מיר ווערן געבוירן
איר ווערט געבוירן
זיי ווערן געבוירן

איך בין געבוירן געוואָרן
דו ביסט געבוירן געוואָרן
ער/זי איז געבוירן געוואָרן
מיר זײַנען געבוירן געוואָרן
איר זײַט געבוירן געוואָרן
זיי זײַנען געבוירן געוואָרן

איך וועל געבוירן ווערן
דו וועסט געבוירן ווערן
ער/זי וועט געבוירן ווערן
מיר וועלן געבוירן ווערן
איר וועט געבוירן ווערן
זיי וועלן געבוירן ווערן

ווער געבוירן!
ווערט געבוירן!
לאָמיר געבוירן ווערן!

אָנקומען

איך קום אָן
דו קומסט אָן
ער/זי קומט אָן
מיר קומען אָן
איר קומט אָן
זיי קומען אָן

איך בין אָנגעקומען
דו ביסט אָנגעקומען
ער/זי איז אָנגעקומען
מיר זײַנען אָנגעקומען
איר זײַט אָנגעקומען
זיי זײַנען אָנגעקומען

איך וועל אָנקומען
דו וועסט אָנקומען
ער/זי וועט אָנקומען
מיר וועלן אָנקומען
איר וועט אָנקומען
זיי וועלן אָנקומען

קום אָן!
קומט אָן!
לאָמיר אָנקומען!

## p. 227 C

מען דאַרף עס טאָן אויף אַן אַנדער אופֿן.
דאָס וואָרט קען מען שרײַבן אויף צוויי אופֿנים.
דער ריכטיקער אופֿן צו געבן צדקה איז מיטן האַרצן.
מיר ביידע פֿאַרשטיין עס אויפֿן זעלביקן אופֿן.

דער וועג איז אַ שמאָלער.
ער גייט אויפֿן גלײַכן וועג.
דער וועג איז אַ קרומער.
ווער פֿאָרט דאָרטן אויפֿן וועג?

ווער וועט טראָגן די פּיאַנע פֿון ליפֿט ביז דער דירה?
דער אַדוואָקאַט טראָגט ברוינע שיך.
אָט די שאַפֿע איז שווער צו טראָגן.
ער וועט אַוועקטראָגן די ביכער צום אײַנבינדער.

צי קענסטו פֿירן אַן אויטאָ?
ער לערנט זיך פֿירן אַן אויטאָ.
ער וועט זי אַהיימפֿירן.
פֿירן אַ בלינדן איז אַ מיצווה.

צי איז ער גערעכט?
גערעכט איז ניט ער, נאָר דער ברודער.
מען האָט געמישפּט ווער עס איז גערעכט.
ניט אַלע מאָל איז שׂרה גערעכט.

דער ענטפֿער איז אַ ריכטיקער.
ווער ווייסט צי דאָס איז פֿאַלש צי ריכטיק?
איר עצה איז אַ ריכטיקע.
דער ריכטיקער וועג איז אויף לינקס.

## p. 227 D

1. שטיין
2. זיך געלייגט
3. לייג / לייגט
4. שטעל זיך
5. שטעלסט
6. (אַרויפֿ)געלייגט

## pp. 227-228 E

1. דו קענסט / איר קענט/ שרײַען וויפֿל דו ווילסט / איר ווילט, אָבער קיינער קען דיר / אײַך סײַ ווי סײַ ניט העלפֿן.
2. דו ביסט /איר זײַט איצט בײַ מיר אין דער האַנט.
3. איך האָב דיר / אײַך געזאָגט, אַז דו זאָלסט / איר זאָלט קיין מאָל ניט אַרײַנקומען אין דעם הויז, אָבער דו ביסט / איר זײַט אַרײַנגעקומען.
4. קיינער טאָר אַהער ניט קומען.

5. איך מעג אַלץ פֿאַרלאַנגען פֿון דיר.
6. איך וועל דיר / אייַך דאָס זאָגן נאָך איין מאָל, און דאָס וועט זייַן דאָס לעצטע מאָל.
7. דו מעגסט / איר מעגט קומען נאָר אויב מען רופֿט דיך / אייַך.
8. צי מיינסטו / צי מיינט איר, אַז מען קען דאָס טאָן אויף אַן אַנדער אופֿן?
9. יאָ, אָט ווי מען דאַרף עס טאָן. / יאָ, אָט אַזוי דאַרף מען עס טאָן.
10. זי קען וועלן וויסן ווי מען זאָגט אויף ייִדיש piano.
11. ער אַליין ווייסט עס ניט, טאָ זאָל ער פֿרעגן בייַם לערער.
12. מען טאָר ניט מישפטן קיינעם וואָס עס איז דאָ ניטאָ.
13. צי מעג איך זיך זעצן אויף יענער שטול?
14. ניין, דו מוזסט / איר מוזט זיצן אויף דער שטול.

## p. 228 F

אַלע טאָג אין דער פֿרי טו איך אָן אַ פּאָר הויזן, אַ העמד, אַ פּאָר זאָקן און אַ פּאָר שיך. ווינטער טו איך אויך אָן אַ מאַנטל; האַרבסט טו איך אָן אַ רעקל. אַ מאָל טו איך אָן אַ גאַרניטער מיט אַ שניפּס, נאָר דאָס האָב איך ניט ליב צו טאָן. מערסטע קליידער מייַנע זייַנען באַוולנע; איך האָב עטלעכע לייַוונטענע העמדער אויך. מיר איז אַלע מאָל וואַרעם, האָב איך ליב לייַכטע קליידער.

ווען איך קום אַהיים פֿון דער אַרבעט, טו איך זיך אויס. אין מייַן דירה איז וואַרעם, טו איך אָן אַ לייַכט העמד מיט לייַכטע הויזן. איך גיי אָן זאָקן אויך. פֿאַרן שלאָפֿן גיין טו איך אָן אַ פּיזשאַמע.

## p. 228 G

1. דאָס יאָר וועט זיך פּסח אָנהייבן דעם פֿערצנטן אַפּריל.
2. פּסח וועלן מיר זייַן פֿרייַ פֿון דער שול.
3. מיר וועלן האָבן אַכט פֿרייַע טעג.
4. האָב איך געמאַכט אַ סך פּלענער.
5. מייַן / דער ברודער וועט ווערן בר-מיצווה דעם נייַנטן מייַ. / דעם נייַנטן מייַ וועט מייַן / דער ברודער ווערן בר-מיצווה.
6. דער ברודער איז אַ קלוגער בחור און אַלע האָבן אים ליב.
7. קען זייַן, אַז ער וועט דאַרפֿן זאָגן אַ פּאָר ווערטער.
8. איך מוז אים געבן אַן עצה.
9. מיר האָבן געבעטן קומען די גאַנצע משפחה.
10. קיינער ווייסט ניט וויפֿל מענטשן עס וועלן טאַקע קומען.
11. דאָס וועט זייַן דאָס פֿערטע מאָל דאָס יאָר וואָס איך וועל זיך טרעפֿן מיט אַלע פֿעטערס, מומעס און שוועסטערקינדער.
12. מיט אַ סך יאָרן צוריק איז די בר-מיצווה געווען זייער אַ וויכטיקער ענין.
13. אַ ייִנגל וואָס איז געוואָרן דרייַצן יאָר אַלט איז געוואָרן אַ מאַן.
14. ער האָט געמוזט טאָן די מיצוות וואָס אַלע ייִדן טוען.
15. פֿון דעמאָלט אָן האָט מען אים געמישפט לויט (דעם) וואָס ער אַליין טוט, ניט דער טאַטע אָדער די מאַמע.
16. ער האָט געמוזט אַלעמען ווייַזן וואָס ער האָט געלערנט.
17. צי איז דאָס דער אמת צי נאָך אַ ליגן?
18. ווייַז / ווייַזט מיר ווי אַזוי דו האָסט / איר האָט דאָס געמאַכט.
19. איך קען באַשליסן צו גיין צוזאַמען מיט דיר / אייַך.
20. ער רעדט קיין מאָל ניט; אָדער ער שרייַט אָדער ער שווייַגט.

## p. 229 H

| | | | |
|---|---|---|---|
| די בעט | די פּיאַנעס | דער שרייַבער | די גאָרנס |
| די בית-עולמס | די ליפּ | די בילדער | די בילעטן |

| | | | |
|---|---|---|---|
| די יאָרהונדערטער | די אוניווערסיטעטן | דער גוף | די חדשים |
| דער טעפּעך | די רבנים | די ענינים | די דירה |
| דער קיסר | די חלומות | דער אופֿן | דאָס ווײַב |
| די מלוכה | די טיר | די אידעאַלן | די שטיקלעך |
| די זײַטן | דער פֿוס | דאָס פּנים | די אַלמערס |
| דאָס מויל | די נעזער | די קעפּ | די נעמען |
| דער שוך | די משׂא-אויטאָס | דער דור | די ציין |
| די געלערנטע | די לעגענדע | די שדכנים | דער אָרט |
| די שטול | די אויערן | די באַק | די האָר |

p. 229 I

1. דער בית-עולם, וואָס אויף אים האָט מען מקבר געווען מײַן זיידן, איז אין ניו-יאָרק.
2. די מעשׂה וואָס דו האָסט געהערט איז ניט אמת.
3. דו פֿאַרלאַנגסט פֿון מיר זאַכן וואָס זײַנען ניט מיגלעך.
4. איך וויל לייַען דאָס בוך יצחקן, וואָס זײַן טאַטע איז זייער קראַנק.
5. דאָס איז דאָס מיידל, וואָס אויף איר וואַרטן מיר אַלע.
6. איך האָב זיך שוין דערוווּסט וועגן דעם רבֿ, וואָס וועגן אים האָסטו מיר דערציילט.
7. איך האָב געגעבן די מתּנה די קינדער, וואָס צוליב זיי האָב איך זי געקויפֿט.
8. דאָס איז דער שרײַבער, וואָס זײַן בוך איז איצט אַרויסגעגאַנגען.
9. ער האָט איצט אַ נײַעם נאָמען וואָס איז ניט אַזוי לאַנג ווי דער אַלטער.
10. איך האָב פֿאַרלוירן מײַן פֿעדער, וואָס אָן איר קען איך ניט שרײַבן.

pp. 229-230 J

## דער ייִדישער גזלן

1. אַן אָרעמער ייִד האָט אַ מאָל געהערט, אַז עס זײַנען דאָ גזלנים אויף דער וועלט.
2. ער האָט ניט געהאַט קיין געלט און האָט שוין אַ פּאָר טעג גאָרניט געגעסן.
3. האָט ער באַשלאָסן אַליין צו ווערן אַ גזלן.
4. ער איז אַוועק פֿון זײַן שטעטל און איז געגאַנגען אין אַ גרויסן וואַלד ניט ווײַט פֿון שטעטל.
5. דער וואַלד איז געווען פּוסט, און עטלעכע טעג איז גאָרניט ניט געשען.
6. דעם דריטן טאָג האָט דער גזלן געהערט, אַז עמעצער קומט אָן.
7. ער האָט זיך געשטעלט אין מיטן וועג.
8. דער מאַן וואָס איז אָנגעקומען איז געווען אַ ייִד פֿון אַן אַנדער שטעטל.
9. ער איז געבליבן שטיין.
10. האָט דער גזלן אים געזאָגט: „גיב מיר דײַן געלט. אַז ניט, וועל איך דיך אומברענגען".
11. זאָגט דער אַנדערער: „דו ביסט משוגע.
12. איך בין אַן אָרעמער ייִד, און איך האָב אַ ווײַב און קינדער.
13. ווי קען איך דיר געבן מײַן גאַנץ געלט?
14. און ווי קענסטו מיך אומברענגען?
15. צי האָסטו ניט קיין רחמנות אויף מײַנע קינדער?"
16. דער גזלן האָט געטראַכט אַ ביסל און געענטפֿערט:
17. „דאָס איז טאַקע אמת. איך האָב רחמנות אויף דײַנע קינדער.
18. טאָ גיב מיר אַ רובל".

19. „וואָס מיינסטו?‟ האָט דער צווייטער געשריגן.
20. „איך בין (דען) רײַך? ווי אַזוי קען איך דיר פּלוצלינג געבן אַ רובל?‟
21. „נו, טאָ גיב מיר צען קאָפּעקעס‟.
22. „ביסט משוגע? אַפֿילו אַ רײַכער גיט ניט קיין צען קאָפּעקעס אַ נדבֿה‟.
23. „נו, גוט, טאָ גיב מיר אַ פּאַפּיראָס‟.
24. „איך אַליין רייכער ניט און ווו זאָל איך דיר קריגן אַ פּאַפּיראָס אין מיטן וואַלד?‟
25. „נו, גיב מיר אַ שמעק טאַביקע‟, האָט דער גזלן געזאָגט.
26. „דאָס קענסטו קריגן. פֿאַר וואָס ניט?‟
27. און ער האָט אים געגעבן אַ שמעק טאַביקע און איז אַרויס פֿון וואַלד בשלום.

# פֿינף און צוואַנציקסטע לעקציע Lesson 25

## Questions, p. 234

1. די טעג פֿון דער וואָך האָבן זיך צעקריגט ווען גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט.
2. זיי האָבן זיך צעקריגט וועגן דעם ווער פֿון זיי עס איז דער שענסטער און ווער עס איז דער וויכטיקסטער.
3. דער ערשטער טאָג האָט געטענהט, אַז ער איז גרעסער און וויכטיקער פֿון אַלע אַנדערע, ווייַל מיט אים צוזאַמען האָט גאָט באַשאַפֿן דעם טאָג און די נאַכט און אָפּגעטיילט ליכטיק פֿון פֿינצטער.
4. דער צווייטער טאָג האָט געזאָגט, אַז ער איז וויכטיקער, ווייַל דעם צווייטן טאָג האָט גאָט געמאַכט דעם גרויסן בלאָען הימל.
5. דעם דריטן טאָג האָט גאָט באַשאַפֿן די ערד און גראָז אוןביימער האָבן אָנגעהויבן וואַקסן.
6. דער נאָענטסטער, פֿערטער טאָג האָט געזאָגט, אַז אָן אים וואָלטן קיין זון, קיין לבֿנה און קיין שטערן ניט געווען.
7. דער זעקסטער טאָג איז געווען וויכטיק, ווייַל מיט אים זייַנען געוואָרן די חיות און דער עיקר די מענטשן.
8. שבת האָט געבראַכט מיט זיך די רו.
9. די זון האָט געזאָגט, אַז אויב אַזוי, דאַרף זי אויפֿהערן שייַנען דעם זיבעטן טאָג. די ערד האָט געזאָגט, אַז דעם זיבעטן טאָג דאַרף זי אויפֿהערן אַרויסצוגעבן גראָז און ביימער.
10. שבת האָט געענטפֿערט, „ניין, ווייַל די וועלט טאָר ניט חרובֿ ווערן".
11. דאָס קול פֿון הימל האָט געזאָגט, אַז אַלע טעג זייַנען הייליק און אַז שבת איז דער הייליקסטער.
12. יאָ, עס איז ווידער געוואָרן שלום.

## p. A 236

1. בעסערער
2. קראַנקער ... בעסערן
3. קלענערן
4. שענער
5. שווערערע
6. עלטערע
7. לענגערע
8. קירצער
9. רייַכער
10. נייַערער
11. גלייַכערן
12. ליכטיקערער
13. העכער
14. ברייטערע ... קירצערע
15. שענערע
16. מער / מערער
17. מער / מערער

## p. 236 B

1. דער בעסטער
2. די קראַנקסטע ... דעם בעסטן
3. בייַם קלענסטן
4. דאָס שענסטע
5. די שווערסטע
6. די עלטסטע

7. די לענגסטע
8. די קירצסטע
9. דער רייַכסטער
10. דער נייַסטער
11. מיטן גלייַכסטן
12. דער ליכטיקסטער
13. אויפֿן העכסטן
14. די ברייטסטע ... די קירצסטע
15. די שענסטע

## pp. 236-237 C

1. אַ ייִד אָן אַ באָרד איז בעסער ווי אַ באָרד אָן אַ ייִד. / (עס איז) בעסער אַ ייִד אָן אַ באָרד ווי אַ באָרד אָן אַ ייִד.
2. אין אַ קעלטערן טאָג דאַרף מען טראָגן וואַרעמערע קליידער.
3. יעדער קינד מיינט, אַז עס האָט די בעסטע מאַמע אויף דער וועלט.
4. שבת איז דער הייליקסטער טאָג.
5. דער ים איז גרעסער און טיפֿער ווי יענער ים / פֿון יענעם ים.
6. וואָסער בוים איז העכער?
7. יענער איז דער העכסטער.
8. ער טענהט, אַז דאָס איז דאָס אינטערעסאַנטסטע בוך וואָס ער האָט געלייענט.
9. איך מיין, אַז הייַנט איז געווען דער הייסטער טאָג פֿון יאָר.
10. באַלד וועט ווערן קעלטער.
11. אויב דו וועסט ניט עסן מער / מערער, וועסטו אַליין לייַדן.
12. דאָס איז דער ליכטיקסטער שטערן אויפֿן הימל.
13. איך וועל וואַרטן ביז דאָס וואַסער וועט ווערן וואַרעמער.
14. דער טאַטע האָט געבענטשט זייַן עלטסטן זון.
15. די בעסטע זאַך וואָלט געווען צו האָבן שלום און מער זיך ניט קריגן.
16. וואָסער פֿויגל זעט אויס שענער?
17. מיר געפֿעלט ניט דער צימער, ווייַל ער איז אַ סך פֿינצטערער פֿון דעם אַנדערן / ווי דער אַנדערער.
18. דער טאַטע איז געגאַנגען אין דעם בעסטן חדר אין זייַן שטעטל.
19. די גרעסטע צרה איז, אַז דאָס וואַסער וועט ניט קלעקן.
20. עס זעט אויס, אַז אייַער זייגער איז נייַער פֿון מייַנעם / ווי מייַנער.
21. זייַ / זייַט אַזוי גוט, קום / קומט אַ ביסל נעענטער.
22. ווי הייסט דער קלענסטער פֿויגל אויף דער וועלט?
23. דער זיידע האָט אַפֿילו אַ לענגערע באָרד פֿון דעם מאַן / ווי דער מאַן.
24. משה איז מסתּמא דער רויִקסטער פֿון אונדז אַלע; ער קען אויך זייַן דער שטאַרקסטער.
25. איצט איז קליגער צו פֿאַרלאַנגען גאָרניט.
26. כאָטש אָט די פֿעדער איז טייַערער ווי יענע / פֿון יענער, זעט זי אויס מיאוסער.
27. ער איז געקומען אַהער מיטן קירצסטן וועג.
28. דאָס איז דער בעסטער אופֿן עס צו טאָן.
29. וואָס איז וויכטיקער?
30. דאָס בילד איז דאָס שענסטע פֿון אַלע.
31. די וואַרעמסטע בעט איז דער מאַמעס.
32. דאָס שטילסטע קינד פֿאַרגעסט מען.
33. עס איז בעסער צו האָבן אַ מיאוסע לאַטע ווי אַ שיינע לאָך.
34. דאָס ערגסטע לעבן איז בעסער ווי דער בעסטער טויט / פֿונעם בעסטן טויט.
35. דאָס בעסטע פֿערד דאַרף אַ בייַטש, דער קליגסטער מענטש — אַן עצה.

# זעקס און צוואַנציקסטע לעקציע Lesson 26

## Questions, p. 242

1. מאָטקע חבד האָט מכבד געווען זײַנע פֿרײַנד מיט אַ גלאָז וואַסער.
2. ער האָט זיי געוואָלט געבן פֿיש.
3. ער האָט באַשלאָסן צו קויפֿן צוקער אַנשטאָט פֿיש, ווײַל דער פויער, וואָס האָט פֿאַרקויפֿט די פֿיש, האָט געזאָגט, אַז זײַנע פֿיש זײַנען זיסער ווי צוקער.
4. דער קרעמער האָט געזאָגט, אַז זײַן צוקער איז זיסער ווי האָניק.
5. מאָטקע איז אַוועק קויפֿן האָניק.
6. מאָטקע האָט געטראַכט, אַז אויב וואַסער איז קלערער אַפֿילו פֿון בוימל, איז וואַסער בעסער פֿון אַלץ.
7. יאָ, מען זעט, אַז מאָטקע איז געווען אַ גרויסער חכם.
8. די ייִדענע האָט געזאָגט אַז איר מאַן, אַז ער זאָל לאָזן זײַנע ביכער פֿאַר משהן.
9. זי האָט געהייסן, ער זאָל די קליידער לאָזן חיימען.
10. ער האָט איר געענטפֿערט, אַז ניט זי שטאַרבט, נאָר ער.
11. זוך ניט קיין בעסערע זאַך ווען דאָס וואָס דו האָסט איז גענוג גוט.
    עס דאַכט זיך, אַז דאָס וואָס יענער האָט איז בעסער.
    בעסער איז איין פֿרײַנד וואָס מען קען זייער גוט ווי עטלעכע וואָס מען קען נאָך ניט.
    ענדיק שוין וואָס דו טוסט.
    זײַ זיכער, אַז דו האָסט דעם ריכטיקן מענטש צו טאָן אַן אַרבעט.

## p. 244 A

1. בעסער
2. גיכער ... פֿרײַער
3. מער / מערער
4. שענער
5. ווײַטער
6. פֿריילעכער
7. ערגער ... פֿײַנער
8. קלערער
9. קליגער
10. וויכטיקער

## p. 245 B

1. צום בעסטן
2. צום גיכסטן ... צום פֿרײַסטן
3. צום מערסטן
4. צום שענסטן
5. צום ווײַטסטן
6. צום פֿריילעכסטן
7. צום ערגסטן ... צום פֿײַנסטן
8. צום קלערסטן
9. צום קליגסטן
10. צום וויכטיקסטן

## p. 245 C

1. עס איז ניטאָ קיין וואַסער אין דעם צימער. / אין דעם צימער איז ניטאָ קיין וואַסער.
2. צי זי איז דאָ וואַסער אויף דעם צווייטן גאָרן?
3. יאָ, דאָרטן איז דאָ וואַסער, כאָטש נעכטן איז ניט געווען (קיין וואַסער).
4. מסתּמא קען איך איצט געפֿינען דאָרטן וואַסער.
5. צי זייַנען דאָ לענדער ווו עס זייַנען נאָך דאָ שקלאַפֿן?
6. איך קען פֿירן יעדער אויטאָ.
7. איך האָב ניט קיין כּוח.
8. עס איז פֿייַן פֿון דיר / אייַך וואָס דו גיסט/ איר גיט מיר אַן עצה, אָבער איך דאַרף זי ניט.
9. צי זייַנען דאָ ווערטער וואָס דו פֿאַרשטייסט ניט / איר פֿאַרשטייט ניט?
10. דו מעגסט / איר מעגט מיך רופֿן מיט מייַן / מיטן ערשטן נאָמען.
11. דו מעגסט / איר מעגט / קומען צו יעדער צייַט.
12. טייל ווערטער זייַנען זייער שווער.
13. אויב דו האָסט / איר האָט צייַט, זייַ / זייַט אַזוי גוט, קום / קומט צו אונדז צו גאַסט.
14. מיר פֿאַרבעטן געסט.
15. טייל געסט ווינען ווייַט.

## pp. 245-246 D

1. איך האָב נעכטן געקויפֿט אַ סך נייַע קליידער.
2. וויפֿל האָט געקאָסט דער גאַרניטער?
3. איך האָב ניט געקויפֿט קיין גאַרניטער.
4. פֿאַר וואָס האָסטו / האָט איר גאָר געקויפֿט אַ ברוין רעקל?
5. דאָס האָט עס די מאַמע געקויפֿט פֿאַר מיר.
6. איך ווייס ווו זי האָט עס געקויפֿט; דאָרטן האָט מען שיינע זאַכן.
7. טייל קליידער וואָס זיי פֿאַרקויפֿן זייַנען זייער טייַער.
8. צי וועלן מיר קענען פּרעגן פּראַגעס?
9. יאָ, איר מעגט פּרעגן פּראַגעס.
10. טייל מיידלעך האָבן חתונה ווען זיי זייַנען אַכצן יאָר אַלט.
11. מייַן פֿרייַנד איז געווען קראַנק און ער דאַרף האָבן זון.
12. אַ ביסל זון איז גוט פֿאַר אים, אָבער ניט צו פֿיל.
13. דאָס האָט דער דאָקטער אים געהייסן בלייַבן אין דער היים.
14. איך וויל בלויע טינט; צי האָסטו / האָט איר בלויע טינט?
15. מיר האָבן גרינע טינט, אָבער ניט קיין בלויע אָדער שוואַרצע.
16. איך האַלט בייַם אַוועקגיין.
17. פּרעג / פּרעגט בייַם בעל-הבית צי דו קענסט / איר קענט אַרייַנקומען.
18. ער האָט געהאַלטן בייַם באַצאָלן, אָבער ער האָט געזען, אַז ער האָט ניט גענוג געלט מיט זיך.
19. כאָטש די דייַטשן האָבן שוין געהאַלטן בייַם פֿאַרלירן די מלחמה, האָבן זיי נאָך אַלץ אומגעברענגט און פֿאַרברענט ייִדן.
20. דער לערער האָט איבערגעריסן דעם תּלמיד.
21. זייַ / זייַט מיך מכבד מיט זיסע זאַכן.
22. דו ביסט / איר זייַט אַ גוטער בעל-הבית, ווייַל אַלץ וואָס איך האָב געגעסן און געטרונקען איז געווען זייער געשמאַק.
23. אַנשטאָט צו בלייַבן דאָ, קום / קומט מיט מיר שפּאַצירן.
24. פֿאַר וואָס ביסטו /זייַט איר גאָר דעמאָלט אַוועקגעגאַנגען /אַוועקגעפֿאָרן ?
25. אָבער איך בין גאָרניט אַוועקגעגאַנגען / אַוועקגעפֿאָרן.
26. אויב דו וועסט / איר וועט גיין פּאַמעלעכער, וועסטו / וועט איר אָנקומען אַהין אַ סך גיכער.

# זיבן און צוואַנציקסטע לעקציע Lesson 27

## Questions, p. 251

1. גאָלדפֿאַדן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר טויזנט אַכט הונדערט פֿערציק.
2. ניין, ער האָט קיין מאָל ניט געלערנט קיין מוזיק.
3. ווײַל ער האָט געקענט אויסטראַכטן לידער, טענץ און אָפּערעטעס וואָס האָבן געקענט אָנרירן דעם ייִדישן עולם.
4. אַ מאָל איז ניט געווען קיין ייִדישער טעאַטער, ווײַל ייִדן האָבן ניט געהאַלטן פֿון שפּילן טעאַטער.
5. ניין, פֿאַר גאָלדפֿאַדענען זײַנען געווען פּורים-שפּילן.
6. ניין, עס איז ניט אמת, אַז פֿאַר גאָלדפֿאַדענען זײַנען ניט געווען קיין ייִדישע לידער און טענץ.
7. זײַן אַרבעט איז געווען שווער, ווײַל אַקטיאָרן זײַנען כּמעט ניט געווען און קיין טעאַטער-בנינים אויך ניט.
8. פֿון רומעניע איז גאָלדפֿאַדן אַוועקגעפֿאָרן קיין עסטרײַך און קיין רוסלאַנד.
9. איין מאָל האָט גאָלדפֿאַדן געהערט אין לעמבערג דורך אָפֿענע פֿענצטער פֿון אַ רײַך הויז, ווי מען זינגט דאָרטן זײַנע לידער.
10. ייִדישע אַקטיאָרן האָבן געפּרוּווט אָפּנאַרן די צאַרישע רעגירונג, וואָס האָט פֿאַרווערט צו שפּילן אויף ייִדיש. זיי פֿלעגן אַרײַנמישן אַ סך דײַטשע ווערטער, מען זאָל מיינען, אַז דאָס איז דײַטשער טעאַטער.
11. זײַנע לעצטע יאָרן האָט גאָלדפֿאַדן געוווינט אין ניו-יאָרק.
12. אין ניו-יאָרק האָט ער געזען, אַז דער טעאַטער איז אויסגעוואַקסן פֿון דער טראַדיציע וואָס ער אַליין האָט אָנגעהויבן.

## p. 254 A

1. שמייכלענדיק
2. שווײַגנדיק
3. קוקנדיק
4. קענענדיק
5. אַרויסגייענדיק
6. זיצנדיק
7. טאָרנדיק
8. לויפֿנדיק
9. אַרבעטנדיקע
10. ברענענדיקע
11. ליגנדיק
12. זײַענדיק
13. ווויסנדיק
14. וועלנדיק

## p. 254 B

1. האָפֿן איז נישט אַזוי פּשוט.
2. מורא האָבן העלפֿט ניט.
3. באַהאַלטן זיך העלפֿט אויך ניט.
4. ער שרײַבט מיר וועגן אַרײַננעמען נאָך אַ תּלמיד.
5. מישפּטן פֿאַר אויסהערן די צווייטע זײַט איז ניט שיין.
6. אַנטלויפֿן איז ניט קיין גוטער פּלאַן.
7. די גרעסטע שׂימחה פֿאַר איר איז געווען דאָס געבוירן אַ קינד.

8. מיר האָבן גערעדט וועגן אויסטראַכטן אַ פּאָר נײַע לידער.

## C pp. 254-255

1. הערנדיק, אַז מען האָט געעפֿנט אַ ייִדישן טעאַטער, האָבן מיר באַשלאָסן גיין עס זען, ווײַל מיר האַלטן פֿון ייִדישן טעאַטער.
2. אייערנעכטן בין איך געגאַנגען / געפֿאָרן אין שטאָט כּדי צו קויפֿן בילעטן פֿאַר יעדערן.
3. נעכטן אין אָוונט איז מײַן גאַנצע משפּחה געגאַנגען אין טעאַטער.
4. מען האָט פֿאָרגעשטעלט אַן אַלטע ייִדישע אָפּערעטע.
5. זי האָט געהייסן „שולמית".
6. דאָס האָט זי גאָלדפֿאַדן אָנגעשריבן.
7. די שפּיל איז געווען זייער גוט און דעם עולם איז זי געפֿעלן.
8. מיר איז ספּעציעל געפֿעלן דאָס שפּילן פֿונעם הויפּטאַקטיאָר.
9. די שפּיל האָט אַרײַנגענומען זינגען און טאַנצן.
10. טייל לידער זײַנען זייער באַרימט.
11. קוקנדיק אויף דער פֿאָרשטעלונג האָב איך געטראַכט, אַז מיר דאַרפֿן אָפֿטער גיין אין טעאַטער.
12. כאָטש די ערטער לעבן דער בינע זײַנען טײַערער, איז גוט צו זיצן נאָענט צו דער בינע.
13. נאָך דער פֿאָרשטעלונג האָב איך געפֿרעגט, צי עס זײַנען דאָ נאָך ייִדישע טעאַטערס אין שטאָט.
14. מען זאָגט מיר, אַז עס זײַנען דאָ נאָך, אָבער זיי זײַנען ניט אַזוי גוט.
15. זיי שטעלן פֿאָר אָפּערעטעס וועגן מיידלעך וואָס זײַנען אַוועק פֿון זייערע חתנים, מאַמעס וואָס האָבן פֿאַרלוירן זייערע טעכטער, מאַנען וואָס זײַנען אַוועק פֿון זייערע פֿרויען און אַזוי ווײַטער.
16. די מוזיק אין דער שפּיל איז געווען גוט.
17. איך האָב זי ערגעץ געהערט.
18. איך שלאָף אַלע מאָל בעסער לעבן אַן אָפֿענעם פֿענצטער און עס איז (מיר) ניט שווער זיך אויפֿצוכאַפּן.
19. מען קען גיכער אויפֿשטיין אין דער פֿרי ווי בײַ טאָג.
20. עס פֿאַלט מיר אײַן, אַז הײַנט האָסטו /האָט איר כּמעט ניט געגעסן.
21. איך בין אין ערגעץ ניט געגאַנגען; איך בין פּשוט געבליבן אין דער היים.
22. כאָטש דאָס קינד איז הונגעריק, איז עס זייער רויִק.
23. פּרווו / פּרוווט שרײַבן מיט (אָט) דער פֿעדער כּדי צו זען צי זי שרײַבט גוט אויף (אָט) דעם פּאַפּיר.
24. איך בין דאָרטן געווען עטלעכע גליקלעכע וואָכן.
25. אַוודאי בין איך דער בעל-הבית פֿון אָט דעם הויז.

## D p. 255

אָנצינדן

איך וואָלט אָנגעצונדן

דו וואָלטסט אָנגעצונדן

ער/זי וואָלט אָנגעצונדן

מיר וואָלטן אָנגעצונדן

איר וואָלט אָנגעצונדן

זיי וואָלטן אָנגעצונדן

אויסטראַכטן

איך וואָלט אויסגעטראַכט

דו וואָלטסט אויסגעטראַכט

ער/זי וואָלט אויסגעטראַכט

מיר וואָלטן אויסגעטראַכט

איר וואָלט אויסגעטראַכט

זיי וואָלטן אויסגעטראַכט

רחמנות האָבן
איך וואָלט רחמנות געהאַט
דו וואָלטסט רחמנות געהאַט
ער/זי וואָלט רחמנות געהאַט
מיר וואָלטן רחמנות געהאַט
איר וואָלט רחמנות געהאַט
זיי וואָלטן רחמנות געהאַט

p. 255 E

גיין שפּאַצירן
איך פֿלעג גיין שפּאַצירן
דו פֿלעגסט גיין שפּאַצירן
ער/זי פֿלעגט גיין שפּאַצירן
מיר פֿלעגן גיין שפּאַצירן
איר פֿלעגט גיין שפּאַצירן
זיי פֿלעגן גיין שפּאַצירן

שפּילן זיך
איך פֿלעג זיך שפּילן
דו פֿלעגסט זיך שפּילן
ער/זי פֿלעגט זיך שפּילן
מיר פֿלעגן זיך שפּילן
איר פֿלעגט זיך שפּילן
זיי פֿלעגן זיך שפּילן

מכבד זײַן
איך פֿלעג מכבד זײַן
דו פֿלעגסט מכבד זײַן
ער/זי פֿלעגט מכבד זײַן
מיר פֿלעגן מכבד זײַן
איר פֿלעגט מכבד זײַן
זיי פֿלעגן מכבד זײַן

p. 255 F

1. אויב / ווען / אַז דו וואָלטסט אים געזאָגט, אַז דו האָסט ניט קיין געלט, וואָלט ער דיר געליגן עטלעכע דאָלאַר.
2. אויב / ווען / אַז דו וואָלטסט מיר געגעבן דײַנע זאַכן, וואָלט איך זיי אויסגעניצט.
3. אויב / ווען / אַז דו וואָלטסט מיר ניט אַלץ דערקלערט, וואָלט איך ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.
4. אויב / ווען / אַז די מעשׂה וואָלט זיך גוט געענדיקט, וואָלטן מיר זייער געלאַכט.
5. אויב / ווען / אַז ער וואָלט געווען קראַנק, וואָלט ער געלעגן אין בעט.
6. אויב / ווען / אַז ער וואָלט געווען אַן אמתער אַקטיאָר, וואָלט ער געשפּילט גוט און קלאָר גערעדט.
7. אויב / ווען / אַז ער וואָלט געהאַט אַ בעסערע אַרבעט, וואָלט ער זיך ניט אַזוי געמאַטערט.
8. אויב / ווען / אַז ער וואָלט מיט מיר אַזוי גערעדט, וואָלט איך אים ניט געענטפֿערט.
9. אויב / ווען / אַז איך וואָלט באַשלאָסן צו באַצאָלן, וואָלט איך באַצאָלט.

10. אויב / ווען / אַז דאָס מיידל וואָלט מיר געפֿעלן, וואָלט איך מיט איר חתונה געהאַט.
11. אויב / ווען / אַז איך וואָלט געטראָגן שיינע קליידער, וואָלט מען געמיינט, אַז איך בין רייַך.
12. אויב / ווען / אַז איך וואָלט געהאַלטן ביַים אַוועקגיין ערגעץ ווּ, וואָלט איך איבערגעריסן די אַרבעט.
13. אויב / ווען / אַז עס וואָלט גערעגנט, וואָלט מען ניט געקענט גיין שפּאַצירן.
14. אויב / ווען / אַז איך וואָלט אַליין געקויפֿט דעם אויטאָ, וואָלט איך אים מער ניט פֿאַרקויפֿט.
15. אויב / ווען / אַז איך וואָלט אים געוויזן דעם וועג, וואָלט ער שוין געוווּסט ווי צו גיין.

## pp. 255-256 G

## ער האָט פֿאַרגעסן דעם מאַנטל

1. כעלעמער יִדן זיַינען אַזוי באַרימט, אַז ווען מען פֿרעגט אַ יִיד: „צי זיַיט איר פֿון כעלעם?“ ענטפֿערט ער: „איר זיַיט אַליין אַ נאַר!“
2. אַ מאָל איז אַ כעלעמער אַוועקגעפֿאָרן אין אַן אַנדער שטאָט.
3. ווען ער איז אַהין אָנגעקומען האָט ער געזען, אַז ער האָט פֿאַרגעסן דעם מאַנטל אין דער היים.
4. האָט ער געשיקט אַזאַ בריוו (צו) זיַין פֿרוי אין כעלעם.
5. „טיַיערע שׂרה! שיק מיר דיַין מאַנטל, וואָס איך האָב פֿאַרגעסן אין דער היים.
6. איך שריַיב 'דיַין מאַנטל', וויַיל אויב / אַז / ווען איך וואָלט געשריבן 'מיַין מאַנטל', וואָלטסטו געלייענט 'מיַין מאַנטל' און דו וואָלטסט מיר געשיקט דיַינעם.
7. און וואָס וואָלט איך געטאָן מיט דיַין מאַנטל?
8. דערפֿאַר שריַיב איך פּשוט 'דיַין מאַנטל', דו זאָלסט לייענען 'דיַין מאַנטל' און מיר שיקן מיַינעם.
9. זיַי געזונט. דיַין מאַן, יאַנקל“.

# אַכט און צוואַנציקסטע לעקציע Lesson 28

## Questions, p. 261

1. אין דער ייִדישער בילדונג זײַנען פֿרויען אַ מאָל געשטאַנען אויף אַ נידעריקן אָרט: מיידלעך האָבן זיך ווייניק געלערנט.
2. אַזוי ווי פֿרויען האָבן ניט געקענט קיין סך העברעיִש, האָט מען פֿאַר זיי אַרויסגעגעבן ביכער אויף ייִדיש.
3. פֿון 15טן ביזן 19טן יאָרהונדערט איז די ייִדישע ליטעראַטור געווען צוגעפּאַסט דער עיקר פֿאַר לייענערינס.
4. ניין, דאָס איז ניט אמת. עס זײַנען אויך געווען שרײַבערינס.
5. גליקל האַמל איז די באַרימטסטע ייִדישע שרײַבערין פֿון דער עלטערער ייִדישער ליטעראַטור.
6. זי האָט געשריבן אירע זכרונות פֿאַר אירע קינדער.
7. ווײַל זי האָט באַשריבן דאָס לעבן פֿון ייִדן אין דײַטשלאַנד סוף 17טן און אָנהייב 18טן יאָרהונדערט.
8. ווײַל זיי האָבן געמיינט, אַז שבתי-צבֿי איז משיח און אַז די גאולה איז שוין נאָענט.
9. יאָ, עס זײַנען הײַנט דאָ ייִדישע שרײַבערינס.
10. די ייִדענע האָט זיך אָפּגעשניטן די אייגענע נאָז און געזאָגט: „זאָל ער האָבן אַ ווײַב אָן אַ נאָז!"
11. דאָס ייִנגל האָט ניט פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס דער דיריגענט מאַכט מיט די הענט און פֿאַר וואָס די זינגערין קוויטשעט.
12. זי האָט געזאָגט, אַז ערשטנס איז דאָס טעפּל ניט צעבראָכן, צווייטנס, אַז עס איז שוין געווען צעבראָכן איידער די אַנדערע ייִדענע האָט עס איר געליגן, און דריטנס, אַז זי האָט קיין מאָל ניט געליגן בײַ דער ייִדענע קיין טעפּל.

## pp. 263-264 A

1. ד״ר בערג איז אַ קענער פֿון דער ייִדישער געשיכטע.
2. מערסטע ייִדן וואָס זײַנען געקומען קיין אַמעריקע זײַנען געוואָרן אַרבעטערס.
3. די בויערס פֿון ישׂראל זײַנען געווען יונגע מענטשן.
4. אַ נעמער איז ניט קיין געבער.
5. שׂרה איז זייער אַ פֿײַנע דערציילערין.
6. ווער איז געווען דער געווינער?
7. רעד / רעדט ניט אַזוי גיך ייִדיש; איך בין נאָך אַן אָנהייבער.
8. צי האָסטו / האָט איר געזען מײַן נײַעם אָנצינדער?
9. לינקאָלן איז געווען דער באַפֿרײַער פֿון די שקלאַפֿן.
10. יעדער זייגער האָט צוויי ווײַזערס.
11. נעכטן האָב איך געהערט אַ נײַע זינגערין און זי איז געווען זייער אַ גוטע.
12. זײַ אַזוי גוט / זײַט אַזוי גוט, ברענג / ברענגט  מיר דעם עפֿענער פֿונעם אַנדערן צימער.
13. זי פֿלעגט אַרבעטן ווי אַ פֿאַרקויפֿערין אין אַ גרויסער קראָם אין ניו-יאָרק.
14. מײַן מאַמע איז אַ לייענערין פֿון ייִדישע צײַטונגען.
15. מײַן זיידע איז געווען אַ גרויסער לערנער.
16. אַזוי ווי דו קענסט / איר קענט אַזוי גוט (די) געשיכטע, דערצייל / דערציילט מיר עפּעס וועגן דער באַוועגונג פֿון די חסידים.
17. אויב דו ועסט / איר וועט מיר סטראַשען, וועל איך ווערן אין כּעס.
18. מיר האָבן סײַ געשריבענע, סײַ געדרוקטע ביכער.
19. דאָס בוך איז זייער גרינג פֿאַר קינדער, אָבער צי איז עס צוגעפּאַסט?
20. צי ווױנסטו / ווױנט איר אויפֿן פֿערטן גאָרן?
21. ניין, איך וווין אַ סך נידעריקער, אויפֿן ערשטן.
22. ערשטנס, פֿיל איך זיך ניט געזונט.
23. צווייטנס, איז מײַנע עלטערן ניט גרינג צו ווינען ווו עס איז ניטאָ קיין ליפֿט.

24. דריטנס, איז שווער צו קריגן אַ דירה, און מיר האָבן גענומען וואָס מיר האָבן געקענט קריגן .
25. שאַ! די גאַנצע משפּחה שלאָפֿט.

## p. 264 B

זי פֿילט זייער שׂימחה.
מיר פֿילן, אַז דאָס איז זייער אינטערעסאַנט.
די קינדער פֿילן איר ליבע.
ער פֿילט זייער וואַרעמקייט.

ווי פֿילט איר זיך?
ער פֿילט זיך שלעכט.
די קינדער פֿילן זיך קראַנק.
הײַנט פֿילן מיר זיך אַלע שוין בעסער.

## pp. 264-265 C

1. מײַן זיידע האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך (אויס)געלערנט דאַוונען ווען ער איז געגאַנגען אין חדר.
2. ווען ער איז געקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט ער באַמערקט, אַז ניט אַלע ייִדן זײַנען פֿרום.
3. ער האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס.
4. אַ צײַט האָט ער אַליין געדאַוונט נאָר שבת.
5. איצט דאַוונט ער ווידער דרײַ מאָל אַ טאָג.
6. יום-כּיפּור בין איך געגאַנגען מיטן זיידן אין שול.
7. איך האָב פֿאַרשטאַנען די תּפֿילות ווײַל איך קען אַ ביסל העברעיִש.
8. איך בין ניט געווען זיכער ווי זיך צו פֿירן אין שול, אָבער איך האָב געטאָן וואָס יעדערער האָט געטאָן.
9. מיר איז געפֿעלן דער אַלטער רבֿ מיט דער לאַנגער ווײַסער באָרד.
10. איך האָב ניט געוווּסט, אַז אין אַמעריקע זײַנען דאָ אַזעלכע ייִדן.
11. דער רבֿ האָט אויסגעזען שיין און שטאָלץ.
12. נאָכן דאַוונען האָט דער רבֿ גערעדט צום עולם.
13. אַזוי ווי ער האָט גערעדט אויף ייִדיש, איז געווען גרינג צו פֿאַרשטיין כּמעט אַלץ.
14. דער רבֿ האָט געזאָגט, אַז סך ייִדן אין אייראָפּע איז נאָך אַלץ ניט געראָטן צו געפֿינען אַ היים.
15. אַ סך ייִדן ווילן אַוועקפֿאָרן פֿון אייראָפּע, אָבער אַ לאַנגע צײַט וועלן זיי אין ערגעץ ניט קענען פֿאָרן.
16. אַמעריקאַנער ייִדן, וואָס ווינען זיכערער און זײַנען רײַכער פֿון די ייִדן אין אייראָפּע, קענען העלפֿן צוריקבויען די ייִדישע קהילות אין אייראָפּע.
17. אַלע קענען העלפֿן; סײַ די וואָס האָבן משפּחה אין אייראָפּע, סײַ די וואָס ניט.
18. ווען דער רבֿ האָט געענדיקט רעדן, זײַנען דער זיידע און איך אַוועקגעגאַנגען אַהיים.
19. איך פֿריי זיך, וואָס איך בין געגאַנגען אין שול און איך גרייט זיך גיין נאָך אַ מאָל.
20. צי האָסטו / האָט איר געוווּסט, אַז דאָס בוך האָט מען געדרוקט אין אַמעריקע?
21. וואָס איז דער אינהאַלט פֿון דעם בוך?

# ניַין און צוואַנציקסטע לעקציע Lesson 29

## Questions, pp. 269-270

1. די פֿאַרטיילונג פֿון ייִדן לויט פּראָפֿעסיעס איז ניט די זעלביקע ווי בײַ דער ניט-ייִדישער באַפֿעלקערונג.
2. עס זײַנען דאָ ווייניקער ייִדן, למשל, וואָס לעבן פֿון ערדאַרבעט.
3. עס זײַנען דאָ מער ייִדישע געשעפֿטסלײַט און שנײַדערס.
4. ייִדן האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער-באַוועגונג, זיי האָבן געקעמפֿט פֿאַר בעסערע אַרבעט-באַדינגונגען.
5. דער עיקר אין מיזרח-אייראָפּע האָבן ייִדן פֿאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין דער אינדוסטריע.
6. אין אַמעריקע האָבן ייִדן ספּעציעל געהאָלפֿן אויפֿבויען די קליידער-אינדוסטריעס.
7. אַ סך זײַנען געוואָרן געשעפֿטסלײַט פֿאַר זיך און טייל פֿון זייערע קינדער זײַנען געוואָרן דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענירן, פּראָפֿעסאָרן, פֿאַרלעגערס, צײַטונג-שרײַבערס, האָבן געאַרבעט אין פֿילם, ראַדיאָ און טעלעוויזיע.
8. ניין, ווייניקער ווי אַ האַלבער פּראָצענט פֿון אַלע באַנקירן און באַנק-באַאַמטע אין אַמעריקע זײַנען ייִדן.
9. דאָס ליד דערציילט ווי צוויי מענטשן זײַנען אַרויס זוכן אַרבעט אין דער פֿרי ווען עס איז נאָך געווען פֿינצטער. אָבער אַנדערע זײַנען אַרויס נאָך פֿריִער ווי זיי און געקראָגן די אַרבעט. די צוויי האָבן זיך געשעמט גיין אַהיים און דערפֿאַר האָבן זיי געוואַנדערט איבער די גאַסן.

## pp. 272-273 A

1. איך האָב אַ גרויסן ביכער-אַלמער.
2. מײַן עלטערער ברודער וויל ווערן אַן אוניווערסיטעט-פּראָפֿעסאָר.
3. וואָס האָסטו / האָט איר געטאָן אין / בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה?
4. קום / קומט אַרײַן אין קינדער-צימער.
5. לאָמיר זיך (אויס)סלערנען (אָט) דאָס חנוכּה-ליד.
6. טייל פֿון מײַן משפּחה וווינט אין דרום-אַמעריקע.
7. אָט דאָס קען זײַן אַ פֿײַנע חתונה-מתּנה פֿאַר שׂרהן.
8. זי פֿאָרט אַוועק אויף איר האָניק-חודש.
9. מײַן טאַטע איז געווען אַ חדר-ייִנגל און נאָך דעם אַ ישיבֿה-בחור.
10. ער האָט געוווינט אין אַ טייל (פֿון) מערבֿ-רוסלאַנד וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ טייל פֿון צפֿון-מיזרח-פּוילן.
11. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער חודש-זשורנאַל.
12. אויב דאָס קינד איז קראַנק, דאַרפֿסטו / דאַרפֿט איר אים נעמען צו אַ קינדער-דאָקטער.
13. וואָס האָסטו / האָט איר / געטאָן אין די מלחמה-יאָרן?
14. איך האָב געלייענט אַ בוך וועגן דעם וואַרשעווער געטאָ-אויפֿשטאַנד.
15. מײַן פֿעטער איז אין דער קליידער-אינדוסטריע.
16. פֿאַר דעם האָט ער געהאַט אַ ביכערקראָם.
17. איין מאָל האָט ער מיר געגעבן אַ ייִדיש-ענגליש ווערטערבוך.
18. די ייִדישע שפּראַך איז געבוירן געוואָרן אין מערבֿ-דײַטשלאַנד.
19. עס איז דאָ א קינדער-טעאַטער אין ניו-יאָרק.
20. זײַן היימלאַנד חלומט זיך אים אַלע מאָל. / אַלע מאָל חלומט זיך אים זײַן היימלאַנד.
21. עס זײַנען ניטאָ קיין סך שטעט אין צפֿון-מערבֿ-אויסטראַליע.
22. מסתּמא וואָלט בעסער געווען צו טראָגן דײַן / אײַער ווינטער-מאַנטל.
23. מיר געפֿעלט פּיאַנע-מוזיק, אָבער אָט די מוזיק איז מיאוס.
24. איך זע, אַז דו ביסט / איר זײַט ניט קיין גרויסער בריוושרײַבער.
25. איך בין קיין מאָל ניט געווען אין דרום-מערבֿדיקן טייל פֿון ~~די~~ פֿאַראייניקטע שטאַטן.

p. 273 B

מיר געפֿעלט ניט דער פֿילם.
דער שוועסטער געפֿעלט דאָס ליד.

אים האָט זיך געחלומט אַ שיינער חלום.
דער מאַמע האָט זיך געחלומט, אַז זי איז אין פּוילן.

מיר איז איינגעפֿאַלן אַ גוטער פּלאַן.
דעם טאַטן איז איינגעפֿאַלן, אַז ער האָט פֿאַרגעסן מיטצונעמען אַ פֿעדער.

איר איז געראָטן אָנצושרייַבן אַ שיין ליד.
אים איז געראָטן אויפֿצובויען אַ שיין הויז.

מיר טוט וויי די האַנט.
אים האָט וויי געטאָן דער פֿוס.

אים מאַכט ניט אויס, אַז דו ביסט ניטאָ.
איר מאַכט אויס, אַז דו האָסט פֿאַרגעסן איר צו זאָגן „אַ דאַנק".

זיי איז גענוג וואַרעם אָן קיין מאַנטל.
אונדז איז ניט וואַרעם אין דעם צימער.

זיי איז שלעכט, וואָס דו גייסט אַוועק.
חיימען איז שלעכט אין דער נייַער דירה.

pp. 273-274 C

1. מייַן פֿרייַנד האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט מסתּמא קויפֿן אַ נייַעם ראַדיאָ.
2. ער האָט דערקלערט, אַז זייַן אַלטער ראַדיאָ האָט שוין ניט געאַרבעט גוט.
3. איך האָב געוווּסט, אַז ער האָט אים געקויפֿט מיט אַ לאַנגער צייַט צוריק.
4. איך האָב זיך געשעמט, וואָס איך בין געקומען אַזוי שפּעט.
5. אונדזער געשיכטע-לערער האָט אונדז דערציילט, אַז ייִדן זייַנען געווען גוטע בעל-מלאָכות, אָבער אַ סך זייַנען איצט אַרבעטערס, און אַ סך אַנדערע וועלן אפֿשר ווערן געשעפֿטסלייַט.
6. דער פֿוס האָט איר זייער וויי געטאָן.
7. זי האָט געמיינט, אַז זי וועט שוין קיין מאָל ניט קענען גיין.
8. איך האָב געוואַנדערט איבער די גאַסן זוכנדיק דאָס הויז ביז איך האָב עס סוף-כּל-סוף געפֿונען.
9. עס איז געווען פּוסט און איך האָב געזען, אַז אַלע זייַנען אַוועק אויפֿן סוף-וואָך.
10. אַ פֿרעמדער איז אַרויסגעקומען און מיך געפֿרעגט ווער איך בין.
11. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך קען גוט די מענטשן און אַז איך בין דאָרטן אַ סך מאָל געווען.
12. איך האָב אים געפֿרעגט ווען זיי וועלן צוריקקומען.
13. ער האָט געמיינט, אַז מאָנטיק צום שפּעטסטנס וועלן זיי צוריקקומען.
14. נעכטן האָב איך געזען אַן אינטערעסאַנטן פֿילם.
15. ער האָט געוויזן, אַז מיר האָבן געוווּנען די מלחמה, אָבער ניט דעם שלום.
16. ער האָט געוויזן, אַז אין צייַטן פֿון קריזיס איז ניט אַלע מאָל געווען גענוג אַרבעט פֿאַר די פֿאַבריק-אַרבעטערס דאָ אין לאַנד.

# דרײַסיקסטע לעקציע Lesson 30

## p. 277 A

1. איך האָב געהאָפֿט, אַז דו וועסט / איר וועט אויסזען פֿריילעך.
2. איך בין געוואָרן אין כּעס, און מיר האָבן זיך צעקריגט.
3. אַנשטאָט צו אַרבעטן גרייט ער זיך אַוועקגיין.
4. ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין דער פֿרי איז ער באַלד אויפֿגעשטאַנען.
5. עס איז מיר / מיר איז אײַנגעפֿאַלן אים מכבד צו זײַן מיט גוטע זאַכן.
6. אַזוי ווי דו האָסט / איר האָט אַזוי פֿיל כּוח, קענען מיר דיך / אײַך גוט אויסניצן.
7. זיי האָבן אונדז פֿאַרבעטן צו פֿאַרברענגען דעם זומער מיט זיי.
8. איך האַלט סײַ פֿון חיימען, סײַ פֿון דודן.
9. ווען איך בין געווען אין פּוילן פֿאַר דער מלחמה האָב איך געזען אַ סך באַרימטע בתּי־מדרשים / שולן.
10. אין דער קינדער־סאַנאַטאָריע לעבן וואַרשע זײַנען געווען עטלעכע הונדערט קינדער, ייִנגלעך און מיידלעך.
11. זיי זײַנען געווען תּלמידים פֿון ייִדישע שולן איבערן גאַנצן לאַנד.
12. ווי האָט ער געקענט געווינען ווען ער האָט כּמעט ניט געפּרוּווט?
13. איך האָב זי געזען אַלע טאָג אַחוץ דאָנערשטיק.
14. איך האָב געהאַלטן בײַ שרײַבן דיר אַ בריוו דיך צו לאָזן וויסן, אַז איך קום.

## pp. 277-278 B

1. צופּאַסנדיק זיך
2. באַצאָלנדיק
3. דערווייסנדיק זיך
4. אַראָפּגייענדיק
5. פֿאַלנדיק
6. שטייענדיקן
7. ליידנדיקער
8. פֿאַרבעטנדיק
9. פֿאַרמאַכנדיק
10. אויסניצנדיק

## p. 278 C

1. אָט ווו איך האָב געקויפֿט מײַן בלויען גאַרניטער וואָס איז דיר אַזוי געפֿעלן.
2. אָט וויפֿל איך האָב פֿאַר דעם באַצאָלט.
3. פֿאַר וואָס האָסטו דאָס גאָר געקויפֿט דאָ?
4. דאָס האָט מײַן חבֿר דיך מכבד געווען מיט אַלע זיסע זאַכן.
5. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט מיר ברענגען אַ בוך, אָבער ער האָט מיר געברענגט / געבראַכט אַ פֿעדער.
6. דאָס האָב איך אויסגעטראַכט (אָט) די מעשׂה.
7. דאָס האָט פּרץ, ניט מענדעלע, געשריבן די דערציילונג „זיבן גוטע יאָר“.
8. עס איז דער 18טער. אָט דאָס איז די דאַטע. / אָט וואָס די דאַטע איז.

## p. 278 D

1. גיכער
2. גיכערער
3. זיסערס
4. הונגעריקער

5. פשוטערן
6. נידעריקער
7. לײַכטערע
8. שוואַרצערע
9. ווײַסערע
10. גליקלעכער

### p. 278 E

1. צום גיכסטן
2. דער גיכסטער
3. דאָס זיסטע
4. דער הונגעריקסטער / די הונגעריקסטע
5. דעם פשוטסטן
6. צום נידעריקסטן
7. די לײַכטסטע
8. די שוואַרצסטע
9. די ווײַסטע
10. דאָס גליקלעכסטע

### p. 278 F

| | | | |
|---|---|---|---|
| די הימלען | די שטערנס foreheads, די שטערן stars | די גאַרניטערס | די אַקטיאָרן |
| דער ים | דער אַדוואָקאַט | די טעאַטערס | דער שקלאַף |
| די באַוועגונגען | דער גאַסט | די בתּי-מדרשים | די אינדוסטריעס |
| די קהילה | די פֿאָטערס | די ליטעראַטור | די פֿרײַנד |
| דער אַרבעטער | די געשעפֿטסלײַט | דער בעל-מלאָכה | דאָס רעקל |
| די מערק | דער לאָמפּ | די מלאָכה | די תּפֿילה |
| די ראַדיאָס | די פּראָפֿעסאָרן | דער פֿילם | די בעלי-בתּים |
| דער כּוח | די פּויערים | די פֿייגל | |
| דער בוים | די חיות | די שטעטלעך | |

### p. 279 G

1. אַבֿרהם קען עטלעכע לידער, אָבער איצט וויל ער זיי ניט זינגען.
2. ער קען ניט קיין מוזיק.
3. דו קענסט / איר קענט / גיין אומעטום.
4. אַנשטאָט צו האַלטן אַלע קליידער פֿאַר זיך, קענסטו אונדז געבן טייל?
5. זוכן אַרבעט איז גרינג, אָבער געפֿינען איז שווער.
6. ערשטנס, פֿאַרלאַנגסטו / פֿאַרלאַנגט איר צו פֿיל.
7. און צווייטנס, ביסטו / זײַט איר ניט קיין גוטער געשעפֿטסמאַן.
8. איך האַלט ניט פֿון טאַנצן.
9. מיט סטראַשען קען מען ניט געווינען.
10. שאַ! עמעצער קען דיך באַמערקן.

p. 279 H

1. אויב איך וואָלט ניט געגעסן, וואָלט איך זיך ניט גוט געפֿילט.
2. ווען ער וואָלט ניט גערעדט מיאוס, וואָלט מען אים ליב געהאַט.
3. אויב דו וואָלטסט געהערט ראַדיאָ, וואָלטסטו געוווּסט וואָס עס געשעט אויף דער וועלט.
4. אויב דו וואָלטסט גוט געקענט ייִדיש, וואָלסטו פֿאַרשטאַנען יעדער וואָרט.
5. ווען דער אַעראָפּלאַן וואָלט געפֿלויגן נידעריק, וואָלט מען אים גוט געזען פֿון דאַנען.
6. אויב דער אָרט וואָלט געווען נעענטער, וואָלט איך געקענט קומען אַהין גיכער.
7. אויב די גאַנצע קהילה וואָלט געווען קעגן דעם, וואָלט מען עס ניט געקענט טאָן.
8. ווען די לידער וואָס דו זינגסט וואָלטן געווען גרינגערע, וואָלט איך זיי אויך געזונגען.
9. אויב יצחק וואָלט ניט געהאַלטן פֿון זינגען, וואָלט ער ניט געזונגען די לידער.
10. אַז איך וואָלט געגאַנגען אַזוי גיך ווי דו, וואָלט מיר ניט געקלעקט קיין כּוח צו אָטעמען.

p. 279 I

מכבד זײַן
איך האָב מכבד געווען
דו האָסט מכבד געווען
ער/זי האָט מכבד געווען
מיר האָבן מכבד געווען
איר האָט מכבד געווען
זיי האָבן מכבד געווען

איך בין מכבד
דו ביסט מכבד
ער/זי איז מכבד
מיר זײַנען מכבד
איר זײַט מכבד
זיי זײַנען מכבד

איך וועל מכבד זײַן
דו וועסט מכבד זײַן
ער/זי וועט מכבד זײַן
מיר וועלן מכבד זײַן
איר וועט מכבד זײַן
זיי וועלן מכבד זײַן

זײַ מכבד!
זײַט מכבד!

איך וואָלט מכבד געווען
דו וואָלסט מכבד געווען
ער / זי וואָלטן מכבד געווען
מיר וואָלטן מכבד געווען
איר וואָלט מכבד געווען
זיי וואָלטן מכבד געווען

איך פֿלעג מכבד זײַן
דו פֿלעגסט מכבד זײַן
ער/זי פֿלעגט מכבד זײַן
מיר פֿלעגן מכבד זײַן
איר פֿלעגט מכבד זײַן
זיי פֿלעגן מכבד זײַן

פֿאַרברענגען
איך האָב פֿאַרברענגט/פֿאַרבראַכט
דו האָסט פֿאַרברענגט/פֿאַרבראַכט
ער/זי האָט פֿאַרברענגט/פֿאַרבראַכט
מיר האָבן פֿאַרברענגט/פֿאַרבראַכט
איר האָט פֿאַרברענגט/פֿאַרבראַכט
זיי האָבן פֿאַרברענגט/פֿאַרבראַכט

איך פֿאַרברענג
דו פֿאַרברענגסט
ער/זי פֿאַרברענגט
מיר פֿאַרברענגען
איר פֿאַרברענגט
זיי פֿאַרברענגען

איך װעל פֿאַרברענגען
דו װעסט פֿאַרברענגען
ער/זי װעט פֿאַרברענגען
מיר װעלן פֿאַרברענגען
איר װעט פֿאַרברענגען
זיי װעלן פֿאַברענגען

פֿאַרברענג!
פֿאַרברענגט!

איך װאָלט פֿאַרברענגט
דו װאָלסט פֿאַרברענגט
ער/זי װאָלט פֿאַרברענגט
מיר װאָלטן פֿאַרברענגט
איר װאָלט פֿאַרברענגט
זיי װאָלטן פֿאַרברענגט

איך פֿלעג פֿאַרברענגען
דו פֿלעגסט פֿאַרברענגען
ער/זי פֿלעגט פֿאַרברענגען
מיר פֿלעגן פֿאַרברענגען
איר פֿלעגט פֿאָרברענגען
זיי פֿלעגן פֿאַרברענגען

אויפֿכאַפּן זיך
איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט
דו האָסט זיך אויפֿגעכאַפּט
ער/זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט
מיר האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט
איר האָט זיך אויפֿגעכאַפּט
זיי האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט

איך כאַפּ זיך אויף
דו כאַפּסט זיך אויף
ער/זי כאַפּט זיך אויף
מיר כאַפּן זיך אויף
איר כאַפּט זיך אויף
זיי כאַפּן זיך אויף

איך וועל זיך אויפֿכאַפֿן
דו וועסט זיך אויפֿכאַפֿן
ער/זי וועט זיך אויפֿכאַפּן
מיר וועלן זיך אויפֿכאַפּן
איר וועט זיך אויפֿכאַפּן
זיי וועלן זיך אויפֿכאַפּן

כאַפּ זיך אויף!
כאַפּט זיך אויף!

איך וואָלט זיך אויפֿגעכאַפּט
דו וואָלסט זיך אויפֿגעכאַפּט
ער/זי וואָלט זיך אויפֿגעכאַפּט
מיר וואָלטן זיך אויפֿגעכאַפּט
איר וואָלט זיך אויפֿגעכאַפּט
זיי וואָלטן זיך אויפֿגעכאַפֿט

איך פֿלעג זיך אויפֿכאַפּן
דו פֿלעגסט זיך אויפֿכאַפּן
ער/זי פֿלעגט זיך אויפֿכאַפּן
מיר פֿלעגן זיך אויפֿגעכאַפּן
איר פֿלעגט זיך אויפֿגעכאַפּן
זיי פֿלעגן זיך אויפֿכאַפֿן

אויפֿשטיין
איך בין אויפֿגעשטאַנען
דו ביסט אויפֿגעשטאַנען
ער/זי איז אויפֿגעשטאַנען
מיר זייַנען אויפֿגעשטאַנען
איר זייַט אויפֿגעשטאַנען
זיי זייַנען אויפֿגעשטאַנען

איך שטיי אויף
דו שטייסט אויף
ער/זי שטייט אויף
מיר שטייען אויף
איר שטייט אויף
זיי שטייען אויף

איך וועל אויפֿשטיין
דו וועסט אויפֿשטיין
ער/זי וועט אויפֿשטיין
מיר וועלן אויפֿשטיין
איר וועט אויפֿשטיין
זיי וועלן אויפֿשטיין

שטיי אויף!
שטייט אויף!

איך וואָלט אויפֿגעשטאַנען
דו וואָלסט אויפֿגעשטאַמען
ער/זי וואָלט אויפֿגעשטאַנען
מיר וואָלטן אויפֿגעשטאַנען
איר וואָלט אויפֿגעשטאַנען
זיי וואָלטן אויפֿגעשטאַנען

איך פֿלעג אויפֿשטיין
דו פֿלעגסט אויפֿשטיין
ער/זי פֿלעגן אויפֿשטיין
מיר פֿלעגן אויפֿשטיין
איר פֿלעגט אויפֿשטיין
זיי פֿלעגן אויפֿשטיין

pp. 279-280 J

## דער יונגער שדכן

1. אַן אַלטער שדכן האָט געהאַט אַ תּלמיד, אַ יונגן שדכן.
2. ווּ דער אַלטער שדכן איז געגאַנגען, איז דער יונגער אויך געגאַנגען, און האָט זיך געלערנט ווי צו רעדן אַ שידוך.
3. איין מאָל האָט אים דער אַלטער געזאָגט:
4. דו ווייסט אַוודאי, אַז אַ שדכן מוז (דאַרף) אַלע מאָל מגזם זײַן.
5. למשל, אויב אַ מיידל האָט טויזנט רובל, דאַרף דער שדכן זאָגן, אַז זי האָט דרײַ טויזנט.
6. פֿון איצט אָן, ווען דו גייסט מיט מיר, זײַ תּמיד מגזם וואָס איך זאָג.
7. אַזוי וועל איך שוין זען צי דו וועסט קענען זײַן אַ גוטער שדכן.
8. דער יונגער שדכן האַט דאָס גוט פֿאַרשטאַנען.
9. איין מאָל זײַנען זיי געקומען צו אַ ייִד רעדן אַ שידוך פֿאַר זײַן זון.
10. ווי אַלע מאָל האָט דער אַלטער שדכן אָנגעהויבן רעדן דער ערשטער.
11. האָט ער געזאָגט: „איר דאַרפֿט וויסן, אַז דאָס מיידל איז פֿון אַ פֿײַנער משפּחה״.
12. האָט אים דער יונגער איבערגעריסן:
13. „פֿון אַ פֿײַנער משפּחה? אַן אַלטע, באַרימטע משפּחה פֿון רבנים״.

14. „און זיי זײַנען רײַכע מענטשן“.
15. „רײַך? רײַך ווי קורח“.
16. „און דאָס מיידל איז אַ שיין מיידל“.
17. „שיין? שיין ווי די וועלט“.
18. „נאָר איין זאַך“, האָט געזאָגט דער אַלטער, „זי האָט אַ הויקערל“.
19. „אַ הויקערל?“ האָט געפֿרעגט דער יונגער.
20. „אַ הויקער ווי אַ באַרג!“

## p. 280 K

1. אַ ייִד האָט געמוזט אַוועקפֿאָרן מאָנטיק.
2. האָט ער גערופֿן אַ בעל-עגלה זונטיק און אים געהייסן קומען נאָך אים מאָנטיק אין אָוונט.
3. דער בעל-עגלה איז אָנגעקומען פּונקט אין אַ וואָך אַרום.
4. דער ייִד איז געווען זייער אין כּעס און האָט אויף אים געשריגן:
5. „איר האָט דאָך געדאַרפֿט קומען פֿאַר אַכט טאָגן מאָנטיק!
6. צי מוז איך אויף אײַך וואַרטן אַ גאַנצע וואָך?“
7. דער בעל-עגלה האָט געזאָגט:
8. „איך בין ניט שולדיק“.
9. „איר זײַט ניט שולדיק? צי בין איך (דען) שולדיק?“
10. דער בעל-עגלה האָט רויִק געזאָגט:
11. „איר זײַט אַוודאי ניט שולדיק, אָבער איך אויך ניט.
12. איר האָט מיר געזאָגט זונטיק, איך זאָל קומען מאָנטיק;
13. האָב איך פֿאַרגעסן דינסטיק און מיטוואָך האָב איך געזען, אַז איך וועל ניט קענען קומען דאָנערשטיק, און פֿרײַטיק אין אָוונט האָב איך ניט געקענט קומען צוליב שבת, און זונטיק בין איך ניט געקומען ווײַל איר האָט מיר דאָך געהייסן קומען מאָנטיק, בין איך טאַקע געקומען מאָנטיק.
14. טאָ וואָס ווילט איר פֿון מיר?“